ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# ל"ו צדיקים סיפורי צדיקים

31

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תש"ל לפ"ק

ספורי

# ל"ו צדיקים

דאס האבען מיר איינגעטיילט אין צוויי טהיילען לויט א"ב.

אין דעם ערשטען טייל געפינען זיך מעשיות פון ר"י הקדוש מיט זיין תלמוד ר' חיים וויטאל ז"ל און מיט זיינע אלע תלמודים איידער זיי זענען נתגלה געווארען.

אין דעם צווייטען טהייל געפינען זיך מעשיות פון די גרעסטע וועלט צדיקים וואס ביי זייער לעבען האט מען זיי געדרעבענט פאר פראסטע מענשען, זיי זענען אבער געוועזן פערבארגענע צדיקים.

צום סוף האבען מיר צוגעגעבען א וואונדערליכע מעשה פון א גרויסען תנא ווי ער איז לעבעדיגערהייט אין גן עדן אריין

טהייל 2 צווייטע


ווארשא

געזעצט ביי אברהם יצחק האלטער, נאוואליפיע 29.

שנת תרע"ב לפ"ק.

# כא.

## ר' יצחק לאנדוי פון צפת ז"ל.

ר' יצחק לאנדוי איז געוועזן זעהר א גרויסער עושר. זיין פרנסה האט ער געצויגען פון א קרעטשמא וואס ער האט געהאלטען אין ארענדא. דערצו האט איהם גאט געבענטשט מיט תורה און געראטענע קינדער. דער יוד איז געוועזן מיט אלעם גליקליך, און זיין הצלחה איז פון טאג צו טאג דערהויבען געווארען. נאר איין זאך האט אין איהם געפעהלט, וואס ס'האט זיך שטארק דערפון געהערט אומעטום און איהם קיין כבוד נישט דערלאזט. ער איז געוועזן א שרעקליכער קארגער.

ער האט מורא געקריגען טאמער וועלען ביי איהם אפשטייגען יודען, און צווישען מענטשען קומט דאך פאר פערשידענס, און ס'קען אמאל טרעפען אז א יוד זאל פון איהם פערלאנגען עסען אויף קרעדיט אדער א גמולת חסד, און דעריבער האט ער בעשלאסען אז זיין קרעטשמא זאל צו זיך איינגעמען בלויז גויים אז קיין יוד זאל קיין דריסת רגל נישט האבען. פאר א גוי האט ער נישט מורא געהאט, ווארום איהם קען ער ענטפערין אז ער האט נישט אדער ער וויל נישט. און וועט נישט דערמיט הייסען קיין שלעכטער, דען ער איז מיט דער גוי א קנאפער מחותן. בקיצור ער האט זיך גוט געפיהרט דאס געשעפטעל פון בלויז גויים. די יודען האבען שוין געוואוסט אז צו איהם איז נישט אריינצוגעהן, און זענען טאקי נישט אריינגעגאנגען. ס'האט שוין געמעגט זיין דער גרעסטער רעגין אדער א גזלנים לאקערניש האט מען איהם אלץ אויסגעמיטען.

ויהי היום, איז עטליכע בעלי עגלות מיט פאסאזשירען און פיל טייערע בידען סחורה, אויסגעקומען פערביי צופאהרען פאר זיין קרעטשמא, און פונקט דאצומאלס איז פון הימל נעגאנגען א שטורמדיגער האגעל וואס האט געגעבען אנצוהערניש אז נאך איהם וועט א שלאקס רעגין גיהן. די יודען האבען געוויינט און געשריען, א טייל פון רעגין שמערצין און א טייל פון דעם, וואס זייער גאנצע פרנסה ווערט איבערגעפיהרט, איינער האט זיך אנגערופען אז מ'זאל זיך אנטקעגען שטעלין און אריינגעהן אין קרעטשמא, ווארום זייערע כוחות זענען שוואכער געווארען פון עגמת נפש, שארען, דורשט און הונגער און דערצו, פונ'ם קוקען ווי דער גוי האט דעם ערלויבטען אריינטריט צום יוד, זייער ברודער, אין שטוב אריין, און זיי—נישט! מען האט אדער אויף דעם אלעם נישט געקוקט און בעשלאסען אלסדינג, פאר ליעב צונעמען, און מען

מען געשטאנען אויפ׳ן פרייען פעלד צווישען האנעל. פלוצלינג, גאר פלוצלינג עפענט זיך די גרויסע שווערע אייזען טיר פון קרעטשמא, פון דארטען געהט ארויס דער בעל הבית, און געהט גלייך צו זיי צו און בעהט זיי אלע ארײַן, און זאגט צוגעבען אנ׳ארט אויף די זייער סחורות ביי זיך אין וואוינונג.

די יודען האבען נישט פערשטאנען וואס דאס איז, צו איז ער משוגע אדער אפשר וויל ער זיי גאר הרגנען. דאס האט פאר זיי אויסגעקוקט ווי קריעת ים סוף און זענען ווי צומישטע, ווי די הײַשעריקען, צו איהם אין קרעטשמא מיט האק און פאק ארײַנגעלאפען. מען קען זאגען אז מלאכים האבען זיי געטראגען, רען דער גרעסטער משוגענער האט דאך געוואוסט, אויב ער איז נאר געוועזען א יוד, זיין קרעטשמא אויסצומײַדען.

וואס זיי האבען די עטליכע מינוטען אינווייניג געטהוען איז אונז נישט קיין חילוק דער עיקר איז נאר צו בעמערקען אז אין א האלבע שעה ארום האבען זיי פאר זיך דערזעהן געדעקטע טישען מיט כל טוב, ספעציעל פאר זיי. מיט ריינע געדאנקען, אוו אהן צומישונג האבען זיי אנגענומען די איינלאדונג, צו עססין, קודם כל, דאס, וואס פאר זיי איז אנגעברייט. אין מיטען עססין, צווישען די פיש און פלייש, האבען זיי בעשלאסען ווייטער נישט צו עסין, ביז זיי וועלין פון בעל הבית זעלבסט דערגיין, וואסער סבה האט איהם אזוי פערענדערט, דער בעל הבית האט געענטפערט אז ער וועט זיי אלעס צוליעב טהוען, נאר זיי מוזען פריהער אבעססען און האט זיי אנגעוויזען אנאמתדיג גלייכווערטיל (אין משיחין בסעודה) וואס זיי האבען געמוזט איהם צוליעב טהוען.

נאכ׳ן בענטשין איז ער צו זיי צוגעקומען דערצעהלען דאס געשעהניש. מען קען זיך פארשטעלין ווי נייגעריג זיי זענען געוועזין און ווי גליקליך, פון דעם וואס ער האט אנגענומען זייער פארשלאג. זיי זענען געזעסען רוהיג און ער האט שטיל און געלאסין דערצעהלט:

דאס איז געוועזען מיט א חודש צוריק—האט ער אנגעהויבען זיין ערצעהלונג—און איך האב זיך, ווי מיין מנהג איז, נאך וויעטשערע געלייגט שלאפען. אין מיטען דערנאכט האט זיך מיר געחלומט, אז איך ליג קראנק, מען רופט א פעלדשער נאכהער א דאקטור, זיי פערשרייבען פערשידענע רעצעפטין, איך נעם זיי ארא, און פיהל נישט קיין בעסערונג. עס לויפט איבער עטליכע טעג און איך שטארב: אין שטוב ווערט א ליארם און א געפילדער. און עטליכע שעה ארום נאך דעם בעוויינען מיך, הויבט מען אן צוקלערען וועגען קובר זיין מיך: מיין ווייב רופט דעם עלטסטען משרת, געזונטער יונג. און הייסט איהם איינשפאנען פערד און וואגין, און מיך פיהרען אויפ׳ן בית עלמין. דער משרת בעהט עטליכע לייליכער מיך איינצוּוויקלען און לײַנוואנד אויף תכרוכים. זי וויל געבען פון די שענסטע לייליכער און בעסטען סארט לײַנוואנד אויף תכרוכים, נאר מיין שנור לאזט איהר נישט און זאגט, אז איך וועל יוצא זיין מיט אלטע לײַליכער און געמיינע תכרוכים. מיין משרת בעהט עטליכע רובל אויף קבורה געלד און מיין ווייב גיט איהם צעהן רובל. ער לײַגט מיך ארויף

פונקט ווינעגן און פארטאג מיט מיר צום בית עולם. ער איז אנגעקומען פונקט אין האלבע נאכט ווען אלע זענען שוין געשלאפען, און האט אנגעקלאפט ביים גבאי פון דער חברה קדישא, און איהם דערצעהלט וועגען וואס ער איז געקומען, און וויפיעל געלד ער האט דערויף. דער גבאי איז אין כעס געווארען און האט געזאגט: פאר אזא מענטש וואס האט קיינמאל, אין לעבען, קיין צדקה נישט געגעבען און איז אזוי שלעכט געוועזען צו זיינע אייגענע ברידער, די יורען, אז ער האט זיך צו זיך אין קרעטשמא נישט אריינגעלאזט, וויל איך נישט ווייניגער, ווי טויזענד רובל. דער משרת איז פון איהם אוועקגעפאהרען אין א צווייטער שטאדט, צו א צווייטען גבאי פון דער חברה קדישא. אויך יענער האט איהם אזוי ווי דער ערשטער געענטפערט און ער איז מיט מיר באלד געפאהרען אין די דריטע שטאדט. דארטען האט מען איהם גארנישט געוואלט אויסהערען, נאכדעם ווי ער האט דערמאנט מיין נאמען. דער משרת האט זיך נישט ווייטער גענומען, האט אונטערגעווארט ביז אין האלבע נאכט און נאכהער מיך אריינגעלייגט אין די ווייבער שוהל, נאכהער האט ער אויפגעוועקט דעם גבאי און איהם דערצעהלט, וואו ער האט מיך איבערגעלאזט, און איז האסטיג פון דארטען אוועקגעפאהרען אהיים.

צומארגינס האט דער גבאי צוזאמענגערופען אלע חשובע לייט פון שטאדט, און מען האט געמאכט אן׳אסיפה אין דער זעלבער ווייבער שוהל וואו איך בין געלעגען. זיי האבען געשריען און געקווייטשעט און ביי זיי איז געבליבען, מיך נישט פריהער קובר צו זיין ביז וואנען מען וועט זיי געבען אכט הונדערט רובל. זיי האבען צוגערופען דעם משמש זייערין, איהם געגעבען גוט אנצוטרונקען מיט שנאפס, און ער איז מיט מיר געפאהרען צו מיין געוועזענע קרעטשמא. ער האט מיך דארטין, אין שטוב, אנידער געלייגט אויף דר׳ערד און געזאגט: דא האט איהר חזרה אייער בעל הבית, ווייקט איהם איין און זאלצט איהם אויס, כדי ער זאל נישט קאליע ווערין.

א שווארצע חמארע האט פערדעקט זייערע געזיכטער, נישט אזוי ווייט פון דעם אונערווארטעטין גאסט ווי פון דעם גרויסען פרייז. זיי האבען זיך דאס גארנישט געקאנט שענקין, נאר זעהנדיג אז עס איז קיין אנדער ברירה נישט פערהאן, האבען זיי אויסגעציילט די אכט הונדערט רובל, און ער איז מיט מיר צוריק אוועקגעפאהרען.

ער איז אנגעקומען און האט אוועקגעגעבען דאס געלד, און די בעלי מתעסקים האבען זיך פארביים געמאכט צו דער טהרה. ביי די טהרה האט מען זיך אייבער מיר גאר אויסטערליש געוויצעלט, איינער האט מיר געגעבען א קלאפ אין פלייצע דער צווייטער אין קאפ, אז איך האב שוין אויסגעקוקט די מינוט וואס מ׳וועט מיך אין דר׳ערד אריין לייגען, אז איך זאל קענען פטור ווערין די בזיונות. מען האט מיך מטהר געוועזען און קובר געוועזען.

ליגענדיג אין דר׳ערד האב איך געדענקט אז עס ברויך צו מיר קומען א מלאך מיך פיהרען אבגעבען דין וחשבון פאר דעם בית דין של מעלה, פאר מיינע מעשים וואס איך האב אויף דער וועלט, בעת מיין לעבען אפגעטהוען. עס איז אי[illegible]געלאפען [illegible] טאג און קיין שום מלאך איז צו מיר נישט געקומען.

פונקט אינ׳ם דריטען טאג איז צו מיר געקומען א מלאך און מיך אויפ געפיהרט צום בית דין של מעלה.

דארטען האט מען מיך געפרעגט צי ל׳האב געלערינט תורה לשמה האב איך געענטפערט אז יא, און באלד זיינען געקומען טויזענדער מלאכים אלס עדות, און מיין שמחה איז געוועזען זעהר גרויס דערפון. נאכהער האט מען מיך געפרעגט צי ל׳האב געגעבען עפיס צדקה. איך האב א ציטער געטהוען און מיין שמחה, איז פערקעהרט געווארען אויף א טרויער. באלד זענען אנגע־קומען טויזענדער נשמות. איינע האט געזאגט אז צוליעב מיר איז זי געשטאר־בען, די צווייטע האט געזאגט אז ל׳האב איהר נישט געלאזט א נאכט איבערנעכטיגען און די גזלנים האבען איהר, צוליעב מיר, געהרגט. מיט איין ווארט: אלע האבען אויף מיר דאס שרעקליכסטע און ערגסטע ארויסגעזאגט, און איך בין געשטאנען אין איין ציטערניש,

מען האט מיך געפרעגט וואס ל׳וויל, צי נאכאמאל געבוירען ווערין, צי ליידען א חודש גהינם, און איך האב זיך אויסגעקליבען דאס צווייטע וויסענדיג, אז אין ערשטין פאל קען איך גאר זיין א גרויסער ארימאן און לא די וואס ל׳וואלט נישט געקאנט געבען צדקה, וואלט איך אויך לערנען נישט געקאנט און ס׳וואלט מיר פיל ערגער געווארען.

באלד איז צו מיר געקומען א שווארצער מלאך, מיך צו פיהרען אי גהינם. ער האט מיך אנגעהויבען פיהרען איבער מיסטין און שלאנגען און האט מיך אזוי אפגעפיהרט דריי וואכען נאכאנאנד, און מיינע צרות זענען געוועז אונמעגליך צו פערטראגען. נאכהער האט ער מיך אפגעפיהרט אין גהינם אריין דארטען איז שוין געוועזען די העכסטע אקטאווע צו מיינע צרות. איך הא איהם געבעהטען אז ער זאל אויף מיר רחמנות האבען און מיך פיהרען נא אמאל צום משפט וועל איך בעסער אויסקלויבען גלגול, האט ער מיך געשלא גען און געענטפערט אז ער קען דאס נישט טהוען ווייל ער קען דערפאר גן שטראפט ווערען. איך בין אגידערגעפאלען אויף דער הייסער פאדלאגע א האב איהם געזאגט אז ווייטער קען איך די יסורים נישט פערטראגען, איך ווי אויף מיר נעמען זיין שטראף אויך, אבי ער זאל מיך צוריק אפפיהרען צו משפט, און ער האט דאס מיר צוליעב געטהוען.

מען האט מיר געפסקנ׳ט, אזוי ווי איך האב געוואלט,—גלגול, און מ האט מיר געפסקנ׳ת דעם מלאך׳ס שטראף.

באלד איז צו מיר צוגעגאנגען א בייזער מלאך מיט א פייערדיגע רוט אין ז האנט און האט מיר נאכגעלאזט א שטארקען שמוץ איבערין לייב — — -

איך האב געמאכט א הילכיגען געוואלד פון וועלכען איך אליין בין אוי געשטאנען פון חלום, און מיין ווייב און קינדער זענען צו מיר צוגעלאפען, ר טיוועז. איך בין געקומען צו זיך און האב פערשטאנען אז דאס איז געוועז נישט מעהר ווי א חלום.

די יודען וואס זענען געזעסען ביים טיש און אויסגעהערט די שרעקלי מעשה, האבען מיט טרעהרען אין די אויגען ארויסגעלאזט א טיעפען זיפץ ו הארץ.

ער האט זיי בערוהיגט און צו זיי געזאגט: פון יענע נאכט אן האב איך אויף מיר גענומען צו זיין א מכנים אורח מיט'ן גאנצען הארץ און צונעבען צדקה. און בלויז נויים מעהר איבער מיין שוועל נישט דורכצולאזען, נאר מאכען א בעזונדער ארט פאר זייערט וועגען.

זיי האבען זיך שטארק געפרעהט און אויף צומארגינס, ווענען זיי אהיים געפאהרען און דערצעהלט די וואונדערליכע געשיכטע אין אלע שטעדט וואו זיי זענען דורכגעפאהרען.

---

ער האט בעקומען א וועלטען נומען שם. ער איז ווייטער געזעסען און געלערינט, און איז געווארען א גרויסער מכנים אורח און געטהוען פיל צדקה. ער האט בעשיינפערליך איינגעזעהן, אז פון דער צייט וואס יודען זענען צו איהם אריינגעקומען איז ער געווארען מעהר עושר מיט א דאפעלער הצלחה:

---

# כב.

## ר' אברהם מרדכי פון פינטשעוו זי"ע.

איינמאל איז ר' אברהם מרדכי זי"ע געפאהרען אין א שיף אויפ'ן ים און האט מיט זיך מיטגעפיהרט פיל סחורה. אין מיטען וועג האט דער ים אנגע-הויבען שטורימען און זיי האבען מורא געהאט זיי זאלען נישט דערטרונקען ווערען. עס איז אויף דער שיף געווארען א גרויסער טומעל. ר' אברהם מרדכי ז"ל האט אנגעהויבען בעהטען ביים אויבערשטין רחמים אין דעם זכות פון זיין ווייב די צנועה, און גאט האט איהם געהאלפען, די שיף איז געראטעט געווא-רען. דאס האט צוגעזעהן א גוי וואס איז אויך געוועזען פון פינטשעוו וואס האט געקאנט זיין ווייב און האט צו איהם געזאגט: דו בעהטעסט אזוי שטארק אין דיין ווייב'ס זכות, אקוראט ווי זי וואלט געוועזען אנ'אמת פרומע פרוי און איך וועל דיר ווייזען ווי וויים פרום זי איז. דו וועסט זעהן אז זי וועט מיט מיר עובר זיין אויף אנ'עבירה. ער האט אפילו דעם גוי נישט געוואלט אפענטפערין, נאר דירעשט מענטשין האבען פערלאנגט פון איהם אז ער זאל זיך צוהערין צום גוי'ם ווערטער. ער האט דעם גוי געענטפערט: ווייבאלד דו וועסט מיר ברענגען איהר פינגערל וואס זי טראגט אויף איהר האנט וועל איך וויסען אז דו האסט דיינם אויס-געפיהרט און זי איז נישט קיין ערהרליכע.

אין א צייט ארום, ווען זיי זענען שוין געוועזען אין פינטשעוו, האט דער גוי אנגעהויבען אויספיהרען זיין ארבייט. זעהנדיג אז די פרוי איז אמת אנ'ערהרליכע און ער וועט ביי איהר גארנישט פועל'ן האט ער גענומען אגרעדען די דיענסט, אז זי זאל צוגנבנען דאס פינגעריל און איהם איבערגעבען, און זי האט אזוי געטהוען.

אז ער האט שוין געהאט דאס פינגערל ביי זיך, האט ער צונויפגערופען עטליכע פון די, וואס זענען דאמאלס אויף דער שיף געזעסען, און האט זיי דאס

געווייזען, און זיי זענען צוזאמען מיט איהם געגאנגען צו ר' אברהם מרדכי ז"ל אין שטוב אריין.

אזוי ווי דער גוי איז אין שטוב אריינגעקומען איז ער אנידערגעפאלען אויף דר'ערד און איז געשטארבען מיט'ן פינגעריל אין האנד.

די דיענסט איז געבליבען אין חלשות און האט זיך מודה געוועזען, די, וואס זענען דערביי געוועזען האבען פון מאן און ווייב פערלאנגט, אנטשולדיגונג פאר'ן חושד זיין אומזיסט אונשולדיגע מענטשין, און זיי האבען זיי דאס צוליב געטהון.

---

# כג.

## ר' גרשון פון יפו זי"ע

ר' גרשון ז"ל איז איינמאל געגאנגען אין די יפו'ר גאסען זוכען, טאר זיין ווייב'ס וועגען טהייערע שטאף אויף א קלייד. ער האט אין א קריסטליך געוועלב בעמערקט א שטאף וואס איז איהם שטארק געפעהלין און האט עס דארטען געקויפט. ער האט בעצאהלט און א קריסטליכער שייגעץ האט דאס איהם אפגע- טראגען א היים. דער שייגעץ איז געוועזען א כישוף מאכער, און זעהנדיג זיין שעהן ווייב האט ער בעשלאסען מיט איהר צוטהון אנ'עבירה. איידער ער איז אוועקגעגאנגען האט ער גוט אויסגעהערט צו וועלכען שניידער מען גיט דאס שטאף א קלייד צומאכען.

אין א וואך ארום איז ער געראד געוועזען ביים שניידער, ווייל אויך זיי, פון זייער געשעפט, האבען געגעבען דעם יודישען שניידער צו ארבייטען, און ער האט פערלאנגט פון שניידער אז ער זאל איהם ערלויבען צו אפטראגען דאס קלייד צום קונדשאפט. דער שניידער האט איהם דאס געמוזט צוליעב טהוען און ער האט עס אפגעטראגען צו די קונדשאפט. אויפ'ן וועג האט ער מיט דעם קלייד כשוף געטהוען.

אין עטליכע טעג ארום, דאס איז געוועזען ערב יום כפור נאך די סעודה מפסקת, האט זי אנגעטהוען דאס קלייד צוגעהן אין שוהל אריין. באלד ווי זי האט דאס קלייד אנגעטהוען איז זי גאר אנ'אנדער מענטש געווארען און עס האט איהר שטארק געצויגען צו דער עבירה. דער מאן האט אפילו יא בעמערקט אין איהר עפים א שינוי נאר דאך האט ער זיך דערפון גארנישט געמאכט און איז אוועק אין שוהל צו כל נדרי. זי איז באלד נאך איהם פון שטוב ארויס, און איז אהינ- געקומען צו דעם שייגעץ אין שטוב אריין.

דארטען האט מען געטרונקען און געגעסען און זיך געלאזט וואויל געהן...

בעת זי האט פון זיך אראבגענומען דאס קלייד און זיך געוואלט געהן לעגען שלאפען, איז פון איהר ארוים דער כח הטומאה (ווארום דער כח הכשוף האט אויף איהר געווירקט נאר בעת זי איז געגאנגען אנגעטהוען אינ'ם קלייד) און זי האט זיך דערמאנט אין וועלכע וועלט זי איז. זי איז באלד ארוים אויפ'ן הויף

נישט געהנדיג אנגעטהוען מעהר ווי די האלקע און האט אנגעהויבען בעהטען ביים אויבערשטין, מחילה, אויף איהרע זינד, וואס זי האט אין זינען געהאט צוטהוען אן עבירה און האט געגעסען אום יום כפור. דער אויבערשטער האט אנגענומען איהר געבעהט און זי האט דערזעהען אז זי שטעהט ביי זיך אין הויף.

זי איז אריין אין שטוב האט זיך געלייגט שלאפען אין בעט צוליעב דעם וואס זי איז געוועזען פול אנגעטרונקען און צוליעב דעם, וואס זי האט מורא געהאט פאר'ן מאן טאמער וועט ער איהר חושד זיין אין אן עבירה

דער מאן איז אהיים געקומען האט ער איהר בעמערקט ליגען אין בעט שלאפען.

צומארגינס ווען זי איז אויפגעקומען, האט ער מיט איהר אנגעהויבען רעדען וועגען די נעכטיגע שוהל צי ס'איז איהר געוועזען גרוים.

זי האט נישט געהאט א טבע פון לייקענען און האט אנגעהויבען שטארק צו וויינען און זיך געוואלט מודה זיין וואו זי איז נעכטען געוועזען, און דערצעהלען, אז זי איז נישט מטמא געווארען, נאר ער האט איהר נישט געלאזט דערצעהלען און האט איהר אפגעענטפערט:

וויסען זאלסטו אז נאך נעכטען האב איך געוואוסט וואס מיט דיר וועט פארקומען און כ'האב דיך געוואלט דערפון מציל זיין, נאר דער אויבעסשטער האט מיר דערין געשטערט. און איצטער זאג איך דיר אז דו זאלסט נישט האבען קיין עגמת נפש, איך בין דיר אין קיין זאך נישט חושד, און פערקעהערט, איצטער ביזטו ביי מיר דאפעלט בעגלויבט אז דו האסט געקאנט ביישטעהן די סטרא אחרא. נאר וויסען זאלסטו—האט ער צו איהר געזאגט—אז דער שיינעץ איז נאך דיין ארויסגעהן געשטארבען מיט א מיתה משונה.

צומארגינס, נאך יום כפור, איז מען געוואויר געווארען, אז דער שיינעץ האט זיך אנגעברענט מיט פיטריאל דאס גאנצע פנים און ער האט געליטען שרעקליכע יסורים, פון גרוים שמערצען, האט ער אראפגעשלינגען סם און איז געשטארבען.

---

# כד.

## ר' בנימין פון קושטא ז"ע.

די מעשה איז געשעהן אין יאהר התקי"ח, ווען דער הייליגער צדיק ר' בנימין האט געברויכט פאהרען עטליכע טעג אויפ'ן ים, וואס צווישען די טעג וואלט אויסגעקומען שבת, און קיין אנדער צייט צופאהרען אום אויסצומיידען פון פאהרען אום שבת איז פאר איהם געוועזען אונמעגליך. אלזא, האט ער בעצאהלט דער שיפ'ם געזעלשאפט פאר דעם שבת'דיגען טאג וויפיעל זי האט נאר אליין געוואלט אבי די שיף זאל רוהען אין שבת'דיגען טאג.

ער איז אוועקגעפאהרען פון קושטא און פרייטאג פארנאכט האט ער בעפוילען מען זאל אבשטעלען די שיף. דער קאפיטאן האט נישט געוואלט פאלגען

אַגענדיג אַז אויף דעם אָרט קען מען זיך נישט אָפּשטעלען לענגער ווי אַ האַלבע שעה, דען די גזלנים פון'ם דערבייאיגען וואַלד קענען זיי הרגנען. און, וואָס אַג'אמת, איז טאַקי יענער וואַלד געווען געפעהרליך פאַר מענטשין נישט בלויז דורך די גזלנים ווי צוליעב די חיות רעות וואָס האָבען זיך דאָרטען געפונען.

ר' בנימין ז"ל איז געבליבען שטעהן אַ צומישטער, נישט וויסענדיג וואָס צו טהוען, צו מחלל שבת זיין און פאָהרען נאָך אַ סטאַציאָ, וואָס דער איסור איז זעהר גרוים, צי נישט מחלל שבת זיין און איינשטעלין זיין לעבען אין געפאהר.

ער האָט בעשלאָסען נישט צו מחלל שבת זיין און איז אַראָפּגעגאַנגען פון דער שיף. אַ טייל שיפ'סלייט האָבען אוים זיין פרומקייט חוזק געמאַכט און אַ טייל, האָבען געהאַט מיטלייד מיט איהם און וואָלטען אפשר, איינגעוויליגט מיט איהם צוזאַמען אָפּצושטייגען. סיי ווי סיי האָבען זיי נאָר בלויז געוואָלט, און אַז עס איז געקומען די צייט, נאָך די האַלבע שעה זענען זיי פון דאָרטען אוועק געפאָהרען איבערלאָזענדיג איהם, מיט עססענוואַרג, צווישען דעם שרעקליכען וואַלד, וואָס איז בעוואוסט מיט די טיראַנישע בעשעפעניששען.

בעמערקענדיג צו וועלכע זייט די זון געהט-אונטער, האָט ער געוואוסט וואו ס'איז מזרח זייט און ער האָט זיך אַנידער געשטעלט מנחה דאַווענען און מקבל שבת זיין. מען קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלען מיט וואָס פאַר אַ צובראָכען הארץ, ער איז נעבאַך געשטאַנען און געדאַווינט, דען דאָס רוישען פון די לייבען האָט געקאָנט טויב מאַכען דעם שטאַרקסטייין מענטש.

נאָכ'ן דאַווענען האָט ער זיך מיט אַ טיכעל אַרומגעבונדען זיינע הענד, דען ער האָט נישט געהאַט אַ כלי, צום אָנגעמען וואַסער, צו וואַשען די הענד, און ער האָט זיך געזעצט עססין. דאָס ברומען פון חיות רעות האָבען איהם שיעור פון זין אַראָפּגעבראַכט, און ער האָט אָנגעהויבען זינגען זמירות אַזוי שטאַרק, אַז דאָס האָט איבערגעשטיגען דאָס ברומען פון די געפעהרליכע חיות.

פלוצלינג איז ער דערציטערט געוואָרען. דאָס איז געווען בעת ער האָט דערזעהען אַ לייב פאַר זיינע אויגען צוגעהן גלייך צו איהם, לכתחילה האָט ער געמיינט אַז זיין לעבין איז גאָרנישט ווערטה, נאָר נאָכהער זעהנדיג אַז דער לייב לייגט זיך נעבען איהם אויף דר'ערד און טשעפעט איהם נישט, איז ער געוואָרען אַביסעל רוהיגער און זיך ווייטער מיט אַ ריין, עהרליך התלהבותדיג'ן טאָן גענימען ניגגען זמירות. נאָכ'ן זמירות האָט ער געבענטשט און איז איינגעשלאָפען.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט צומאָרגינס אין דערפריה, און האָט געזעהן ווי דער לייב ליגט כסדר נעבען איהם און היט איהם אָפּ.

ער האָט פערשטאַנען, אַז דער אויבישטער פערלאָזט נישט די, וואָס זענען ערנסט מיט דעם גאַנצען הארצען צו איהם איבערגעגעבען. ער האָט פאַר זיינע אויגען דערזעהען אַ קריגעל וואַסער, האָט זיך געוואַשען די הענט, און זיך געשטעלט דאַווענען דאָס שבתדיגע דאַווענען.

געוועהנליך איז זיין דאַווינען געווען ריין אָהן אַ שום פגם, דען נאָכהער, ביי דער סעודה איז ער געזעסען רוהיג, אָהן שרעק אַזוי, אַז בעת ער האָט געבענטשט איז שוין געווען דונקעל און ער האָט געמוזט באַלד אָפּדאַווענען.

ער האָט קוים געאוספּעיעט אָפּצועסען אַ כזית מקיים צו זיין שלש סעודות און

ער האט ווײטער געבענטשט און באלד דערנאך, געדאווינט מעריב און געמאכט א הבדלה.

נאך הבדלה האט ער בעמערקט ווי דער לײב לײגט זיך אויף א זײט מיט צ פרײנדליכע מינע אויפ׳ן געזיכט און ער האט פערשטאנען אז דער לײב וויל, אז ער זאל זיך אויף איהם ארויפזעצען און ער האט אזוי געטהוען.

שנעלער ווי אפײל פון בויגען איז דער לײב מיט איהם געלאפען איבער אזעלכע וועגען וואס קײן מענטש אויף דער וועלט וואלט דאס נישט אײנגעפאלען און צומארגינס אין דערפריה האט ער איהם אפגעשטעלט נעבען די קאמפאניא וואס זענען נאר־וואס אראפגעשטיגען פון דער שיף אויף דער יבשה.

זעהנדיג איהם אויפ׳ן לײב האבען זײ גוט געשראקען, נאר באלד אבער איז דער לײב פון זײערע אויגען פערשוואונדען געווארען, איבערלאזענדיג דעם הײליגען צדיק ר׳ בנימין ז״ל צווישען זײ.

די פרײד מיט די וואונדער אויסגעשרײען איז, כמעט, ווי איבעריג אויפ׳ן פאפיר צובריענגען נענוג איז נאר דער פאקט, וואס ־ער קאפיטאן פון שיף איז געפאלען ר׳ בנימין ז״ל צו די פים איהם געבעהטען ענטשולדיגונג, דען ער האט מורא געהאט פאר אזא גרויסען מאן טאמיר וועט ער איהם שלעכטס טהוען.

ר׳ בנימין האט איהם אלעם געשענקט. און זײער פרײד איז געווארען זעהר גרויח.

די יודען וואס זענען מיט איהם אינאײנעם אויף דער שיף געפאהרען, האבען איהם א נאמען געגעבען—„אריאל״. (דער לײב פון גאט).

---

# כה.

## רבינו יהודה החסיד זי״ע וכ׳ א׳

דער גרויסער עושר שמעון לונגמאן קײנמאל נישט געוואלט פאלגען וואס רבינו יהודה החסיד ז״ל האט איהם נישט געהײסען זיך ראזירען די באָרד און האט געענטפערט, אז ער איז זעהר אנ׳אײדעלער דעריבער לײדט ער נישט די באָרד. אָבער ער טהוט עס נישט להכעים. רבינו יהודא החסיד ז״ל האט איהם אָבער שטענדיג געווארינט מיט דעם לשון „געדענק, נאכ׳ן טוידט, ווען דו וועסט דיר גארנישט קענען העלפען וועסטו בעדוירען!״

עס איז אװעק חדשים און יאהרען און דער עושר האט אלץ געטהוען ס׳זײניגע. מיט אמאל איז געקומען זײן צײט און ער איז געשטארבען. אז רבינו יהודה החסיד איז געוואויר געווארען פון זײן טוידט, איז ער מיט נאך גרויסע לײט געקומען צו איהם (צום עושר) אין שטוב ארײן, און דארטען האבען זײ געטראפען זיצען זײנע קאלעגעס, מיט דיזעלבע חסרונות, און טרויען אויף זײן טוידט.

רבינו יהודא החסיד האט אנגעשריבען א שם אויף א קוויטעל, האט עס

פרויפגעלייגט אויפ'ן מת און מאַמענטאַל, איז דער מת אויפגעשטאַנען, פון דער ערד און איז, הין און צוריק, ארום די שטוב געלאָפען ווי א צומישטער.

רבינו יהודא החסיד האָט איהם אָפגעשטעלט און געפרעגט וואָס ער וויל. ער האָט אָנגעהויבען וויינען און שרייען, זיך פליקען די האָהר פון זיין קאָפּ און זאָגען: וועה, וועה איז מיר, וואָס האָב איך געטהוען. רבינו יהודא החסיד האָט איהם ווייטער געפרעגט וואָס מיט איהם איז געוואָרען האָט ער געענטפערט: ווען מיין נשמה איז פון גוף ארויס, איז געקומען א שד און איז געשטאַלט פון א קוה, און האָט געטראָטען אויף מיין נשמה. נאָכהער האָט מען מיין נשמה אריינגעלייגט אין א הייסען טאָפּ סמאָלע און מיינע יסורים זענען געוועזען אומגעהויער. פלוצלינג האָט מען אין הימעל א געשריי געטהוען צו דעם מלאך וואָס האָט מיך געפייניגט, אז ער זאָל מיך לאָזען צו רוה, דען רבינו יהודה החסיד ז"ל ברויך מיך נויטיג צוהאָבען.

אלע וואָס זענען דערביי געוועזען זענען דערציטערט געוואָרען, און האָבען געזאָגט, מעהר נישט צוגעלאָזט די באָרד.

---

# כו.

## ר' אשר פון בריסק דליטא זי"ע

דער הייליגער צדיק ר' אשר זי"ע איז געווען דער גרעסטער גביר פון בריסק דליטא. ער איז געוועזען א גרויסער בעל צדקה און שטענדיג איז ביי זיין טיש געזעסען עטליכע אורחים, דען ער האָט אין די יונגע יאָהרען נישט געהאַט קיין קינדער רח"ל. ער האָט שטאַרק מקנא געוועזען די מענטשין וואָס זענען געהאָלפען געוואָרען מיט קינדער און האָט געבעהטען אז אויך איהם זאָל דער אויבערשטער מזכה זיין מיט קינדער און דער אויבערשטער האָט צוגעהערט זיין געבעהט און אויף דער עלטער האָט איהם זיין ווייב געבוירען א זוהן מיט'ן נאָמען לייבעל.

די עלטערין האָבען דאָס איינציגע קינד זעהר ליב געהאַט, און דעם טאָג וואָס דאָס קינד האָט אָנגעהויבען צו געהן אין חדר האָט מען געמאַכט א גרויסע סעודה.

מען האָט דאָס קינד זעהר געהיטען און געלאָזט לערנען ביי די גרעסטע מלמדים. אויך דאָס קינד האָט געהאַט זעהר א גוטען קאָפּ און איז געוואָרען א גרויסער עילוי. אויף זיין בר מצוה האָט ער געהאַלטען א דרשה, פון וועלכע, לומדים זענען שטאַרק בעריהרט געוואָרען.

אז ער איז עלטער געוואָרען, און זיינע יאָהרען האָבען זיך שוין געצעהלט 17 האָט דער פאָטער זיינער, איהם פאַר א חתן געמאַכט מיט'ן גרעסטען גביר און תלמיד חכם פון שטאָדט ריגא.

עס איז אריבער עטליכע חדשים, עס איז אונטערגעקומען דער זמן החתונה, און דער חתן, זיין מוטער און דירעקט פאמיליע זענען געפאָהרען קיין ריגא אויף לייביל'ס חתונה. דער פאָטער איז נישט מיטגעפאָהרען ווייל ער איז

געװעזען אַנ'אַלטער צופֿראָכענער מענטש און האָט נישט געקאָנט פֿערגעסען די פֿאָהרען אויף װעלכע ס'איז פֿוהר. נאָך איידער זיי זענען אװעקגעפֿאָהרען האָט דער חתן איהם געמוזט צוזאָגען אַז נאָך דעם חופה טאָג װעט ער קומען צופֿאָהרען נאָך בריסק, אום ער זאָל זיך מיט איהם קענען זעהען.

אין ריגא האָט מען פֿאָרגעבריייט אַ זעלטענע אויפֿנאַמע פֿאַר דעם חתן מיט זיין פֿאַמיליאָ. די גאַנצע װאָך פֿאַר די חתונה האָט מען געמאַכט גרויסע בעלער און אויף יעדער באַל האָט דער חתן געהאַלטען זעלטענע שאַרפֿע דרשות פֿאַר די גרעסטע לייט פֿון דער שטאָדט.

דאָרטען איז געװעזען אַ מנהג, אַז אַ נאַכט פֿאַר דער חופה האָט מען געמאַכט אַ גרויסען באַל פֿאַר די אָרימע לייט פֿון שטאָדט און דער באַל פֿלעגט הייסען „קבלת פנים”. דאָס קבלת פנים פֿלעגט פֿאָרקומען אין דעם זעלבען זאַל װאו די חופה װעט דאַרפֿען, אויף צומאָרגענס פֿאָרצוקומען. דער זאַל איז געװעזען זעהר הערליך בעפּוצט, מיט זעלטענע שעהנע לאָמפּען און פֿערשידענע זשיראַנדעלס

אונטער איינעם פֿון די שעהנסטע לייכטונג פֿערפּיצונג האָט מען אַנידער געזעצט דעם חתן און דאָרטען, האָט ער אויפֿסניי געהאַלטען אַ פֿייערדיגע דרשה מעניני דחופה.

אין מיט'ן דרשה, איז איינער פֿון די גרעסטע און שװעהרסטע זשיראַנדלעס געפֿאַלען אויפֿ'ן חתנ'ס קאָפּ, און דער חתן איז אויגענבליק געשטאָרבען

די אונגעהויער גרויסע טייכין און די גרעסטע ימים האָבען דעם מינדעסטין איינדרוק אַנטקעגען דעם ים הגדול בלוטיגע טרעהרין װאָס יעגען פֿון די פֿערזאַמעלטע מיט האַרצרייסענדע זיפֿצען געגאָסען געװאָרען. מיט איין װאָרט, אַ פֿרעמדער װאָלט געמיינט אַז צװישען די פֿערזאַמעלטע איז אויסגעבראָכען אַ גרויסע שחיטה.

איינע װאָס האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפֿון און צוגעקוקט גלייכגילטיג צו דעם גרויסען פֿערלוסט' איז געװעזען דעם חתנ'ס מוטער עפּיס איז איהר האַרץ פֿערשטיינערט געװאָרען, און זי איז אַרומגעלאָפֿען װי אַ צומישטע און געשריגען: װאָס דערצעהלט מען דעם טאַטען זיינעם, אַז ער װעט זיך דערפֿון דערװיסען װעט ער דאָך אין חלשות בלייבען און איך װעל בלייבען אַנ'עלענדער מת צװישען צװיי מתים. אין אמת'ען װאָלט טאַקי אַזוי געװעזען, װאָרום אויב דער פֿאָטער װאָלט זיך עפּיס שלעכטעס װעגען זיין געליבטען איינציגען זוהן דערװיסט, איז גאָט װייסט װאָס דאַן װאָלט פֿאָרגעקומען.

איינער פֿון די געסט, ר' יעקב כ"ץ, האָט זיך גוט איינגעהערט צו דעם חתנ'ס מוטער'ס געשריי און האָט גוט פֿערשטאַנען צו װעלכע אומשטענדין אַזעלכע קען ברענגען

ער איז צו איהר צוגעגאַנגען און געזאָגט, אַז ער נעמט אויף זיך, איהר מאַן װעגען אַלסדינג צודערצעהלען, און גאַראַנטירט איהר, אַז ס'װעט איהם קיין שום שלעכטס געשעהן. בעמערקענדיג אַ שאָטין פֿון אַ שמייכעל אויף איהרע ליפּען האָט ער פֿעשטאַנען, אַז זי בעשטייט אויף זיין פֿאָרשלאַג און ער איז

שהין געפאהרען קיין בריסק זערצעהלען דעם אלטען צובראכענעם פאטער וועגען דאם גרויסע, שרעקליכע אומגליק פון זיין זוהן.

באלד ווי ער האט זיך געוויזען פאר ר' אשר'ן, האט ער בעמערקט אז ער האט נאר אנ'אנדער אויסזעהן און איהם האט שוין באנג געטהוען זיין אונטערגעמוגג, דאך האט ער זיך געשאפט מוטה און געוואלט ענטפערין אויף דעם אלטינם פראגע „וואו איז מיין זוהן” מיט א שקר, אז ער האט זיך, רח"ל, געשמד'ט. נאר ר' אשר ז"ל האט צו איהם געזאגט: וואס טויג מיר דיינע פאלשע תירוצים, מיין קינד וועט אזעלכעם נישט טהוען! גאנץ איינפאך: „ר' נתן ור' לקח” און מן הסתם האט דער שידוך נישט געטויגט און זיין מיתה מיט די קבירה האט געבראכט זיין אין רינא. יא—האט דער אומגליקליכער פאטער ווייטער געזאגט—דער ווארנדעל איז געוועזען זיין מלאך המות.

ר' יעקב כ"ץ איז געבליבען שטעהן א פערשעמטער און האט פערשטאנען אז ער האט זיך דאם דערוואוסט דורך רוח הקודש.

---

# כז.

## רבינו אברהם בן עזרא זי"ע.

אין די היילינע ספרים ווערט געברענגט די מעשה: איין איינעם פון די פארציימישע קליינע דערפעלעך האט געוואוינט אנ'ארימער שניידער וואס מען האט איהם גערופען יוסילי גולם. דער שניידער איז געוועזען זעהר ארים און שטארק געפלאגט פון מענטשין. ער האט אין ערגעץ נישט פערדיענט אויף א שטיקעל טריקען ברויט דערפאר, ווייל די ארימע דארפ'ס לייט האבען נישט געהאט, קיין איבריגעם, וואס זיי זאלען קענען אפ־שפארען אויף מלבושים.

ויהי היום, האט דער ארימער שניידער בעשלאסען צוגעהן וואו זיינע אויגען וועלין איהם פיהרען זוכען, עפים וואס ער זאל קענען זיין פערחלשת הארץ ראטיוועןֹ. ער איז פערקראכען ערגיץ אין א טיעפען וואלד און האט אנגעהויבען בלאנדזשען. פלוצלינג בעמערקט ער פון דערווייטענס געהט אנ'אלטער מאן און ער איז צו דעם אלטען צוגעגאנגען. דער אלטער האט איהם געזאגט אז ער איז א קעניג און קען איהם זיין גרעסטין פערלאנג אויכפיהרען. דאן האט דער ארימער שניידער אנגעהויבען וויינען און פאר איהם צו עפענען זיין הארץ. ארוני מלך, האט דער ארימער שניידער צו איהם געזאגט, דו זאלסט וויסען אז איך האב אין מיין מויל שוין דריי טעג קיין שטיקעל טרוקען ברויט געהאט. מיין ווייב און מיינע קינדער ווערען געשוואלען פאר הונגער. און ס'איז א פאל אז איך זאל מיר דאס לעבען נעמען.

איך קען דיר אין דעם העלפען, האט איהם דער אלטער געענטפערט,— נאר בתנאי, אז דו זאלסט דיינם א קינד מקריב זיין פאר א קרבן אויף דעם בארג. נאכהער, האט דער אלטער צו איהם ווייטער גערעדט, וועל איך דיך באגליקען מיט א גרוים עשירות ביז אין דיין ענדע אריין.

דער אָרימער שניידער איז פון איהם אוועקגעגאנגען, און אויפ'ן וועג האָט ער געקלערט וואָס ער זאָל וויטער טהוען. זיין הארץ האָט איהם געצווינגען צו דעם צוגעזאָגטען עשירות און דאָך, האָט ער מורא געהאַט טאָמער נארט איהם דער אַלטער. (חאָטש ס'איז איהם נישט איינגעפאַלען אז דער אַלטער איז נישט מעהר, ווי אַ פּראָסטער שר, האָט איהם דאָס הארץ אָנהויב עפּיס נביאות געזאָגט אויף שלעכט'ס) נויט ברעכט אייזען, און ער האָט בעשלאָסען אז אזוי ווי ער וועט אהיים קומען וועט ער איינס פון זיינע קינדער מקריב זיין אויף דעם אָנגעוויזענעם בארג, אלא טאָמער האָט איהם דער אַלטער גענארט איז אויך נישט קיין אומגליק, וועט פאַר דעם אומשולדיגען קינד, וואָס פלעגט שטענדיג הונגערן, בעסער זיין. ער האָט נאָר געקלערט אַ תירוץ פאַר זיין ווייב ווי ער זאָל קענען דאָס קינד פון שטוב ארויסנארען. ער האָט געפונען אַ גוטען תירוץ און איינמאָל, האָט ער צו זיין ווייב אזוי געזאָגט: ווייסען זאָלסטו אז אונזער גאַנץ אָרימקייט איז נאָר דאַדורך וואָס אונזער קינד, אלתרי'ל, לערנט נישט אין חדר און דאריבער, וויל איך איהם אַוועקפיהרען און אַ גרויסער ישיבה, און דאָס וועט בעסער זיין ווי אַלסדינג. איך אין שטוב וועט ווערען מיט אַ מויל ווינציגער, אי דאָס קינד וועט קענען לערנען. דער מוטער איז די קלוגע עצה שטאַרק געפעלען און האָט איהם געגעבען דאָס קינד אז ער זאָל עס פיהרען אין אַ גרויסע שטאָדט, לערנען אין אַ ישיבה.

ער איז מיט דעם קינד אַוועקגעגאַנגען אין דעם זעלבען וואַלד וואו ער איז מיט עטליכע טעג צוריק בעגעגענט געוואָרען פון דעם אַלטען מאַן. ער האָט איהם דאָרטען געטראָפען און ביידע האָבען זיך שטאַרק געפרייט.

ווען דאָס קינד איז אַנטשלאָפען געוואָרען, האָט דער פאָטער שטאַרק זיך צוקישט מיט דעם קינד און עס איבערגעגעבען צו דעם אַלטען אין די הענד אריין אַז ער זאָל עס מקריב זיין אויף דעם אָנגעוויזענעם בארג. ער אליין האָט דאָס נישט געוואָלט טהוען און נישט צוזאָלט דאָס צוקוקען.

אַז איהם איז געקומען אויפ'ן רעיון, וואָס ער טהוט דאָ, און פאַרוואָס ערוועקט זיך נישט אין איהם דאָס געפיהל פון „ברחם אב על בנים" איז שוין געוועזען צו שפּעט און ער האָט שוין געפונען אַ שטיק קויל פון זיין ליעב קינד.

מיט ווייענדע אויגען איז ער צוגעגאַנגען צום אַלטען בעהטען זיין עשירות וואָס ער האָט איהם צוגעזאָגט.

דער אַלטער האָט איהם איבערגעגעבען צוויי זעקליך גאָלדענע רענדליך, און ער איז פון איהם אַוועקגעגאַנגען, גלייך צו זיך אין שטוב אריין.

זיין ווייב איז געוואָרען איבערגליקליך פון דעם גוטען איינפאַל פון איהר מאַן, און זי איז געוואָרען אַ'אַנדער מענטש גאַרנישט צום דערקענען.

באַלד האָט מען די קינדער גענומען אין שטאָדט אריין און זיי געגעבען צו עסען און געקויפט מלבושים.

אין שטאָדט האָבען זיי זיך אויפגעהאַלטען צוויי חדשים און נאָכהער, זענען זיי צוריק געפאָהרען אין דאָרף אריין.

די דאָרפ'ס לייט האָבען זיך שטאַרק געוואונדערט פון וואַנען צו זיי אין

פלוצלינג געקומען אזא עשירות. זיי האבען געפרובט פרעגען דעם שניידער נאר ער האט זיי גארנישט געוואלט זאגען. זיי האבען זיך מיישב געוועזען אז ס'איז גלייכער צופרעגין ביי זיין ווייב. זיי האבען איהר באגרבעהטען צו זיך און איהר אנגעהויבען אויספרעגען, און זי האט זיי דערצעהלט דאס אלעס וואס איהר מאן האט איהר געזאגט, אז אין זכות וואס זייער זוהן געהט אין חדר איז צו זיי געקומען דאס עשירות. זיי האבען אדער פערשטאנען אז דא האט געמוזט עפיס אנדערש געשעהן, דען צוליעב וואס האט ער געברויכט שיקען דאס קינד לערנען אין א פרעמדע שטאדט, ווערענט ביי זיי אין דארף לערינט דער רב מיט די קינדער אומזיסט, און זיי האבען איהר דערויף אויפמערקזאם געמאכט.

איהר זענען די ריד גוט אין קאפ ארייין און זי האט בעשלאסען, גענוי אויסצופרעגען איהר מאן פארוואס ער האט זייער קינד אוועקגעשיקט אין א פרעמדע ארט לערנען. עס איז איהר נישט אזוי גרינג אנגעקומען דאס אלעס פון איהם געוואויר צו ווערען, און זעהנדיג אז ער יענקעט זיך מיט זיין פערפלאנטעטע צינג האט זי געפאדערט פון איהם, אז ער זאל צוריק ברענגען דאס קינד אין דארף ארייין, אום זי זאל זיך קענען דערמיט פרייען.

ער האט אנגעהויבען איהר צו גענארען און זאגען, אז ער האט מורא דאס קינד פון דער ישיבה ארויסצונעמען, וויל טאמער וועט ער זיך ריהרען דאס מזל, נאר זעהנדיג אז זי בעשטעהט, אין ערגסטען פאל, אליין אהין צופאהרען אין דער ישיבה און זיך דערמיט זעהען, האט ער זיך געמאכט הארץ און האט איהר אלע סודות פון דעם אלטען דערצעהלט.

דאכט זיך אז די מאמעס הערץ האט דערפון געברויכט צושפאלטען ווערען, ווארום א פרעמדער וואלט דאך הערענדיג אזא מערדערישע געגאסען מיט טרעהרען, נאר דאך האט דער לעזער וואס מיינט אזוי א טעות, דער כח הטומאה האט איהר אזוי שטארק מאגנאזירט אז זי האט גאנץ גלייכגילטיג אויסגעהערט דעם מאנ'ס רייד און גארנישט דערפון זיך גענומען צום הארצען.

אין עטליכע טעג ארום, האט זי ביי א געלעגענהייט, איהר'ס א שכנ'תע איבערגעגעבען דעם גאנצען סוד ווי אזוי איהר מאן איז פלוצלינג געווארען א גביר, און יענע האט בעשלאסען אויך דאס זעלבע צוטהוען.

עס איז נישט אוועקגעגאנגען קיין האלב יאהר און אלע. פון די, וואס האבען זיך מתקנא געוועזען אין דעם שניידער. האבען געברענגט קרבנות, זייערע קליינע קינדער, צו דעם שד און ער האט זיי דערפאר בעלוינט מיט רענדליך. דאס דערפיל איז אין איין יאהר פערענדערט געווארען, אלע זענען געווארען גבירים און ע"ז דיענער נישט פון זייער אייגענעם ווילען נאר דער כח הטומאה האט זיי צו דעם געבראכט און ביסלעכווייז האבען זיי אנגעהויבען דעם אלטען צומאכען פאר א גאט און געטהוען אלסדינג, וואס ער האט זיי בעפוילען צו טהוען.

ויהי היום, האט דער צדיק ר' אברהם בן עזרא בעשלאסען. צומאכען אנ-ענדע פון זייערע שרעקליכע מעשים. ער איז צו זיי אין דארף אריינגעפאהרען און גענאכטיגט ביי איינעם פון די חשוב'סטע לייט. אין דערפריה, האט ער זיך, מכלומרשת, געמאכט נישט וויסענדיג פון דעם אלעם וואס טהוט זיך ארום איהם

און האט זיך געגרייט אוועקצופאהרען, נאר יענער האט איהם נישט געלאזט זאגענדיג איהם אז היינט איז ביי זיי א גרויסער יום טוב און מ'וועט מקריב זיין קרבנות, אלזא זאל ער איהם צוליעב טהוען און אנטהייל נעמען אין זייער גרויסע שמחה. ער האט זיך געלאזט צורעדען און איז פערבליבען ביי זיי ביז וואנען עס האט זיך אנגעהויבען זייער פינסטערע שמחה.

ער איז געזעסען צווישען אלע פערזאמעלטע און צוגעקוקט דאס גרייטע, פלוצלינג איז אנגעקומען דער אלטער שד מקריב זיין זייערע קינדער פאר קרבנות, און האט בעמערקט אז ר' אברהם ז"ל זיצט צווישען די פערזאמעלטע. ווייסענדיג אז זיין סוף איז געקומען, האט ער געזאגט צו די פערזאמעלטע: שנעלער זאלט איהר דיעזען מענטש (ער האט אנגעוויזען אויף ר' אברהם ז"ל) פון דאנען פערטרייבען, דען ער איז אומווירדיג צו זיצען צווישען אייך, און זיי האבען געוואלט אנהויבען אויספיהרען זיין פערלאנג.

דאן האט זיך ר' אברהם ז"ל אויפגעשטעלט אויף זיינע פיס און האט צום אלטען שד געזאגט: איך בין אויף דיר גוזר אז דו זאלסט שוין פון דאנען אוועקגעהן, דו זאלסט אויפהערען צומאכען זינדיגען אונשולדיגע מענטשען און דו זאלסט געהן צו דיין פאלק און צו דיין שדית „לילות".

דער שד איז א דערציטערטער שנעל, מיט גיכע טריט, פון איהם אנטלאפען, איבערלאזענדיג עטליכע יונגע קינדער, נאך נישט קיין געהרג'טע.

צווישען פאלק האט אויסגעבראכען א שרעקליכער פאניג, און זיי זענען שיעור פון די געראנקען אראפ. ר' אברהם בן עזרא ז"ל האט אויף זיי געזאגט א שם און זיי האבען פון איהם געפאדערט מחילה, און א תשובה אויף זייערע ביטערע זינד.

ער האט זיי ארויסגעגעבען א תשובה: צו פאסטען עטליכע טעג און אוועק צו ווארפען אין ים אריין דאס גאנצע ביסעל פערמעגען וואס איז אנגעזאמעלט געווארען דורכ'ן כח הטומאה און א מחילה: צו בלייבען גרויסע ארימע לייט, ווי פריהער, ביז זייער ענדע.

זיי האבען באלד זייער פערמעגען אין ים אריין געווארפען, נישט איבערלאזענדיג די מינדעסטע זאך ביי זיך אין שטוב. נאכהער איז ר' אברהם בן עזרא ז"ל, פון זיי אוועקגעפאהרען.

די זעלבע דארף לייט זענען געבליבען די אייגענע ארימעלייט וואס פריהער און אויף דעם שניידער, דער גורם דערצו, איז אויסגעגאסען געווארען גאט'ס צארן, און ער איז, אין עטליכע טעג ארום, געשטארבען

---

# כח.

## די צדיקים ר' יצחק און ר' נתן ז"ע

דער הייליגער צדיק ר' יצחק איז געוועזען איינער פון די גרעסטע גבירים אין בבל. אויך איז ער געוועזען א גרויסער בעל צדקה. איינמאל האט ער זיך

ערוואוסט אז אין א שטעדטל „ואס איז וויים פון איהם צוויי ווייארסט וואוינט א'ארימער בחור, א יתום, וואס מ'רעדט איהם שדוכים און מיט די כלה וואס ער האט אויסגעקליבען קען ער נישט חתונה האבען דאדורך, וואס איהם פעהלט געלט דערויף. ער האט בעשלאסען דארט אהין צופאהרען צו העלפען דעם בחור נישט קוקענדיג וואס אויף יענעם טייכעל וואס ער קען עס נישט אויסמיידען איז שוין פון עטליכע וואכען א סכנה צופאהרען, צוליעב א גרויסען פיש וואס קעהרט אום אלע שיפען אין וואסער אריין, און ער איז אוועקגעפאהרען. ער האט געהאט א רוהיגען וועג, דער פיש האט איהם נישט געשאדינט און ער איז בשלום אויפ'ן ארט געקומען. און געהאלפען דעם יתום מיט פיל געלט און דער יתום האט חתונה געהאט מיט די זעלבע כלה, וואס ער האט פון פריהער אויסגעקליבען.

נאך די חתונה איז ר' יצחק איינגעזעסען אין א שיפעל צוריק צופאהרען קיין בבל. אויך צוריק איז איהם קיין שלעכטס נישט געשעהן אויף דעם טייכעל און דעם גאנצען וועג האט איהם בעגלייט א גרויסער פיש,

אז ער איז אראפגעשטיגען פונ'ם שיפעל האט ער בעמערקט אז ער איז נישט אין די זעלבע שטאדט וואס ער איז פון איהר, מיט עטליכע טעג צוריק ארויסגעפאהרען און פלוצלינג, האט ער פאר זיינע אויגען דערזעהען שווארצען מענטש. דאס איז געוועזען דער מלאך המות.

דער שווארצער מענטש האט איהם געפרעגט פון וואנען ער איז געקומען, וואס ער האט דארטען געטהוען און וואו ער האט גערעכינט אפצושטייגען. ער האט איהם געזאגט פון וואנען ער קומט און וואס ער האט דארטען געטהוען. נאר וואו ער איז איצטער האט ער נישט געוואוסט צו ענטפערין און האט איהם געבעהטען אז ער זאל איהם דאס זאגען.

דער שווארצער מענטש האט צו איהם געזאגט: דו זאלסט וויסען אז איך בין דער מלאך המות און בין געקומען, דיר צונעמען דיין נשמה דען אזוי איז אויף דיר נגזר געווארען אין הימל.

ר' יצחק ז"ל האט שטארק אנגעהויבען צו וויינען און געשריען צום אויבערשטין: הערציגער באשעפער, נעם צו דיין קנעכט'ס געבעהט און לאמיך נישט שטארבען צווישען ערד און וואסער, פארוואס זאל איך נישט די זכייה האבען צושטארבען אין אזא ארט וואו ס'איז פערהאן מענטשין וואס זאלען זיך קענען עוסק זיין מיט דעם מת.

דער אויבערשטער האט צוגעהערט זיין געבעהט און דער מלאך המות איז באלד פון איהם פערשווינדען, איבערלאזענדיג איהם אויפ'ן פרייען פעלד, אהן דעם שיפעל אויפ'ן וואסער.

ר' יצחק ז"ל האט נישט קיין אנדער ברירה געהאט ווי צוגעהן גלייך וואו זיינע פיס וועלען זיך שטעלין און האט אזוי געטהוען, נאך עטליכע שעה גאנג האט ער זיך געטראפען אין א שטאדט פיל מיט מענטשען און האט זיי געפרעגט אויף דעם רב'ס וואוינונג. מען האט איהם אריינגעפיהרט צום שטאדט'ס רב, דער הייליגער צדיק ר' נתן ז"ל. ער האט דעם רב דערצעהלט אלעס, פון אנהויב ביז'ן סוף, וואס מיט איהם האט פאסירט.

דער רב ר' נתן ז"ל, איז שטארק גערירט געווארען פון זיין ערצעהלונג,

וואָרום פריהער האָט ער געמיינט אז דאס וואָס ער זעהט שלעכט אויס איז ווייל ער איז הונגעריג און געוואָהר ווערענדיג די אמת'דיגע סבה, האָט דער רב ז"ל צו איהם געזאָגט: דו זאָלסט ביי מיר אין שטוב און איך וועל בעהטען ביים איבער־שטין אז ער זאָל צוררייסען דיין גזר דין, און ער איז שוין פון דעם רב'ס שטוב נישט אַרויסגעגאַנגען,

און עטליכע טעג, האָט זיך א וואָלקין בעוויזען אינ'ם רב'ס שטוב, און די תלמודים נישט ווייסענדיג פון דער גאנצער מעשה, האָבען געפרעגט דעם רב וואָס דער וואָלקין בעדייט און ער האָט זיי געענטפערט אז זיי זאָלען ארויס געהן אין גאס זעהן, צי אנדערשוואו איז אויך דאָ א וואָלקין.

אין דער צייט וואָס די תלמידים זענען פון דאָרטען אַרויסגעגאַנגען, איז דער מלאך המות אריינגעקומען און געפאָדערט דאס משכון וואָס ער האָט איגוויי־ניג איבערגעלאָזט. (ער האָט געמיינט ר' יצחק ז"ל) דער רב האָט איהם געהיי־סען אוועקגעהן זאָגענדיג אז ער פערלאַנגט נישט אז די יונגע נשמה זאָל אַזוי געשווינד ווערען אפגעשיידט פון דער וועלט. דער מלאך המות איז ארויף אין הימל און האָט דערצעהלט דעם רב'ס רייד, און מען האָט איהם געענטפערט אז ער זאָל נאָכאַמאָל אהינגעהן צום רב. ער איז נאָך אמאָל אריינגעקומען צום רב און געזאָגט ווידאַזשנע אז נישט איהם מיינט ער נאָר ר' יצחק ז"ל.

דער רב האָט איהם אָנגעשריגען און נישט געהייסען מעהר קומען זאָגענ־דיג דערביי: „דאס איז דער שכר פאַר די תורה, מצות און גמילות חסדים?"

דער מלאך המות איז באלד פערשוואונדען געוואָרען, און מעהר זיך נישט געוויזען ביים רב אין שטוב:

נאָכהער איז אַראָפּ א בת-קול פון הימל און האָט געשריען „וואָס קען מען דען טהוען מיט אַזעלכע הייליגע צדיקים אז זיי האָבען אין זיך אַזאַ שטאַרקע כח צו מבטל זיין א גזירה אין הימעל און מען מוז זיי דאס צוליב טהוען, און נאָכמעהר: אויף זייערע בעדים לעבען איז דער אויבישטער מוסיף צו עבּציג יאָהר"

זיי זענען שטאַרק געריהרט געוואָרען, זיי זענען פרעהליך געוואָרען און געדאנקט דעם אויבערשטין פאַר זיין ארך אפים אין גרוים חסד.

---

# כט.

## ר' נחום פון ליווערני ז"ע

דער הייליגער צדיק ר' נחום ז"ל פון ליוועדני איז געוועזען א גרויסער עושר. ער האָט געהאַט א צוואה פון זיין פאָטער, פאַר'ן עססין צו ווארפען שטי־קעלעך ברוים אין טייך אריין, און ער האָט אַזוי געטהוען.

איינמאָל צוריקגעהענדיג פון טייך האָט איהם בעגעגינט אליהו הנביא ז"ל און צו איהם געזאָגט אַז פאַר דעם האָט ער יעדער מאָל צוויי מצות. אי ער איז מקיים כיבוד אב, אי ער איז מקיים די תורה וואָרום די תורה האָט אויף דעם גע־

פארינט יעדען מענטש. איהם איז זעהר פרעהליך געווארען אויפ'ן הארץ און פון דאמאלס אן האט ער יעדען טאג מיט מעהר שמחה מקיים געווען דעם פאטער'ס צוואה.

איין פיש האט דערשפירט דאס ארט וואס ער פלעגט ארייננווארפען די שטיקעלעך ברויט און פלעגט עס יעדען טאג אויפקלייבען. עס האט זיך אזוי געפיהרט א היבשע צייט, און דער פיש איז זעהר דיק געווארען פון דעם גוטען מאכל. דער פיש האט זיך אנגעהויבען פיהלען זעלבסט-שטענדיג און בּיסלעכווייז, אנגעהויבען שטויסען דירעשט פיש, די פיש האט דאס דרייסטקייט שטארק פערדראסען און זיי האבען איהם איבערגעגעבען צו דעם קעניג פון די פיש צום משפט.

דער קעניג האט איהם געפרעגט אין וועלכען ארט אין ים ער פאשעט זיך, האט ער איהם אנגעוויזען, נאכהער האט ער איהם געפרעגט פארוואס ער איז עפּיס דיקער פון דירעשט פיש וואס זענען אויך אויף דעם ארט האט ער איהם דערצעהלט די מעשה פון די שטיקלעך ברויט וואס ער פלעגט יעדען טאג אויפעססין.

דער קעניג האט איהם בעפוילען צוברענגען דעם מענטש וואס ווארפט ארייַן די שטיקעלעך ברויט און וואסער, און, אייַנמאל, ווען דער אונשולדיגער ר' נחום ז"ל איז זיך געגאנגען, ווי זיין שטייגער,ווארפען שטיקעלעך ברויט אין ים, האט איהם דער פיש איינגעשלינגען און געבראכט צו זייער קעניג.

דער קעניג האט איהם געפרעגט פון וואנען ער האט זיך מתיר געמאכט דאס צו טהוען האט ער איהם געענטפערט אז ער איז מקיים די צוואה פון זיין פאטער און האט איהם דערצעהלט, וואס אליהו הנביא ז"ל האט איהם געזאגט.

דער קעניג האט אויף איהם שטארק רחמנות געקריגען און האט איהם אויסגעשפיגען אויפ'ן ברעג אויף א פרעמד ארט, פון דער צייט וואס ער איז פון דעם פיש געראטעוועט געווארען האט ער פערשטאנען די שפראך פון אלע חיות און עופות.

ער איז זעהר א מיעדער אנידערגעפאלען אויף דר'ערד און איז אנטשלאפען געווארען. דאס האבען בעמערקט צוויי פויגלען, א מוטער מיט א קינד. דאס קינד האט געזאגט צו דער מוטער אז ס'וויל געהן אויסשטעכין די אויגען דעם טויט-ליגענדען מענטש, דען זי גלוסט שוין פון לאנג נאך מענטשין פלייש און די מוטער האט געזאגט אז זי זאל נישט געהן. דאס קינד האט נישט געפאלגט און ס'איז צוגעגאנגען און א ביס געטהוען דעם מענטש און זיין רעכטען פוס פון וואס ער איז פון שלאף ארויסגעקומען. דאס פויגעלע האט נישט בעמערקט און איז צוגעגאנגען איהם אויסשטעכין זיינע אויגען, נאר דאס האט ער דערזעהן און מאמענטאל, געחאפט דאס פייגעלע אין זיין האנד און עס געוואלט דערשטיקען. דאס פייגעלע האט אנגעהויבען שרעקליך שרייען און די מוטער איז עס געקומען צו הילף.

די מוטער האט געזאגט צו ר' נחום ז"ל: כ'בעהט דיך לאז צורוה מיין קינד וועל איך דיר דערפאר אוויַיזען וואו צוגעפונען א גרויסען אוצר. ער האט אפגעלאזט דאס פייגעלע און די פויגעל מוטער האט איהם אנגעוויזען וואו דער

אוצר געפינט זיך. ער איז צוגעגאנגען און בעמערקט אנאויפשריפט „דא געפינט זיך שלמה המלך'ס אוצר" און ער איז געווארען זעהר פרעהליך.

פלוצלינג האט ער בעמערקט ווי א פויגעל קוויטשעט, ער קוקט זיך אום און זעהט ווי די מוטער הארגעט איהר פויגעל. ער איז צוגעגאנגען צו יענעם ארט און האט געזעהען, ווי די מוטער נעמט א גרעזיל און לייגט עס ארויף אויף דעם טוידטען פויגעלס מויל, פון וואס דאס פייגעלע איז באלד לעבעדיג געוואַ- רען, נאכדעם האט ער בעמערקט ווי א מענטש האט דאס זעלבע גרעזיל אויפגע- הויבען און איז צוגעגאנגען און ארויפגעלייגט אויף דעם מויל פון א טוידטען לייב, פון וואס דער לייב איז לעבעדיג געווארען, און האט דעם נארישען מענטש אויף שטיקער צוריסען.

פון גרויס שרעק איז ער פון יענעם ארט, אין אויגענבליק, אנטלאפען גלייך אין דעם פריש געפונענעם אוצר. זעהנדיג אז ס'איז קיין תכלית נישט פאר איהם, זיך ארום צו דרעהען איינער אליין אין א וויסטעניש, האט ער בעשלאסען, פאַ- באנדער צונעמען פיל אנגעזעהענע זאכען פונ'ם אוצר און גיין זוכען אנאויסוועג ווי אזוי צו געפונען אנ'ארט וואס איז בעזעסען מיט מענטשען און ער האט אזוי געטהוען.

אפגעהענדיג א שטיקעל וועג האט ער בעמערקט א סטאדע אייזלען געהען אָהן א פיהרער און ער האט בעשלאסען נאכצוגעהען די סטאדע אייזלען, אפשר וועט ער אזוי ארום זיך דערוויסען וואו ס'געפינט זיך א בעזעסען ארט פון מענ- טשין. ער האט אויף עטליכע אייזלען ארויפגעלייגט די טהייערע חפצים וואס ער האט און א זאק געשלעפט, און איז זיי נאכגעגאנגען דעם גאנצען וועג.

אין מיטען וועג הערט ער ווי די אייזלען רעדען איינער צום צווייטען: „דערפאר וואס ער האט זיינע משאות אויף אונז ארויפגעלייגט, וועלין מיר איהם אנטהוען א שטיקעל קומענדיג אונטער די שטאדט, און מיר וועלין זיך אנידער- לייגען אויף דר'ערד און בעת ער וועט רופען מענטשין זיי זאלען איהם העלפין אונז צו אויפהייבען וועלין זיי בעמערקין די חפצים וואס ליגט אויף אונז, זיי וועלין אלעם צוגנבענען און מיר וועלען מעהר נישט ברויכען שלעפען די גרויסע, שווערע משאות". עטליכע אייזלען האבען זיי געווארינט אז ס'איז אזוי נישט גלייך צוטהוען דען גיכער פון אלץ קען זיין אז איידער ער וועט זיך ווענדען צו מענטשינ'ס הילף, וועט ער זיי מיט זיין שטעקין גוט אויסקלאפען די ביינער. זיי האבען זיך פון זיי אויסגעלאכט און האבען בעשלאסען, דאס אלעס צוטהוען נישט וויסענדיג אז ר' נחום פערשטעהט אלסדינג.

קומענדיג אונטער די שטאדט ליוורני, האבען זיך די אייזלען אויף דר'ערד אנידערגעלייגט, מיט'ן צוועק לייכטער צומאכען די משאות. זיי ווענ[…] טאקי פרעהליך זעהענדיג, ווי מענטשין קומען איהם צו הילף נאר זייער שמ[…] האט נישט לאנג געדויערט. ער האט געזעהען אז מענטשין קומען זיך צ[…] האט ער די מענטשין געענטפערט אז ער נויטיגט זיך נישט אין זייער הילף ער וועט זיך אליין קענען ארויסהעלפען. די מענטשין זענען באלד אוועקגע[…] און ער האט מיט זיין שטעקין שרעקליכע קלעפ זיי דערלאנגט און ז[…] באלד געווארען געהארכזאם, און זיך אויפגעהויבען פון דר'ערד.

ער איז בשלום מיט זיין גאנץ פערמעגין אנגעקומען אין זיין שטאדט, און
דאס געדאנקט גאט פאר די גרויסע נסים וואס ער האט איהם די גאנצע צייט
בעוויזען.

ער האט דערצעהלט זיין ווייב וואו ער איז געוועזען, און וואסער נסים
גאט האט מיט איהם געטהון, נאר פונוואנען ער האט די טייערע חפצים האט
ער איהר נישט געזאגט. זי איז אדער שטארק טשיקאווע געוועזען צו וויסען פון
וואנען דער אוצר איז. זי האט איהם שטארק געפייניגט ביז ער האט איהר צוגע-
זאגט אלסדינג צו דערצעהלען.

וויסענדיג אז די איזולען ליגען אין שטאל אהן עסען איז ער גלייך דאר-
טען אריינגעפאלען זעהען וועלכעס איז נויטיג פריהער צו בעזארגען. אין שטאל
בעמערקט ער ווי איין אייזעל שטעהט און קראצט זיך און זאגט: „פארוואס זאל איך
נישט קראצען? צי דען האב איך נאך א האפנונג אז מיין בעל הבית זאל פון
טוידט גערעטעט ווערין נאכדעם, ווי ער וועט זיין ווייב דערצעהלען וואו ער
האט די אוצרות גענומען? — זי וועט דאך דאס איבערגעבען צו איהרע שכנות און
דער סוף וועט זיין אז די שכנים וועלין איהם טוידטען און צונעמען זיין עשירות".
ער האט דאס אלעם גענומען אין זינען אריין און בעשלאסען, זיין צוזאג נישט
אויסצופיהרען און נישט צו נתבהל ווערין פון איהרע רייד, און איהר גארנישט
ענטפערין. ער האט זיין בעשלום גוט געהיטען.

---

## ל.

## ר׳ מאיר פון פראנקפורט זי"ע

אין פראנקפורט איז געוועזען איינער, א גרויסער רשע וואס ער האט, כמעט,
איין עבירה אין דער וועלט נישט געפעהלט און אלעם איז דורך איהם אדורכגע-
גאנגען. ער האט זיך גוט געשפירט אז ער איז זינדיג פאר גאט און איינמאל,
ווען ער האט בעמערקט דעם הייליגען צדיק ר׳ מאיר ז"ל, געהן אין גאס איז ער
צו איהם צוגעגאנגען און מיט איין לייכטין שמייכעל א פראג געטהון: רבי, איך
בעהם אייך, צי איז נאך פערהאן א תשובה אויף מיינע שווערע זינד? דאכט מיר
אז מיינע זינד זאלט איך אין קיין טויזענד גהינם'ס נישט געקאנט רייניגען? — דער
הייליגער צדיק ר׳ מאיר ז"ל האט איהם געענטפערט: קיין שום יוד אין דער
וועלט טאהר נישט פאר זיין מויל ברענגען די ווערטער „צי איז פערהאן א האפ-
ונג צו מיין זינד" דער איבערשטער האט אין זיך די מידה פון רחמים, און תשובה
ועלט שטענדיג, אהן אויסנאם, צי ביי א גרויסע אדער קליינע עבירה. רבי, האט
ר איהם ווייטער געבעהטען, זייענדיג אביסעל געריהרט פון שמחה אז אויך ער
ן פון זיין זינד גערייניגט ווערין, זאגט זשע מיר, ל'בעהט אייך, וואסער תשובה
ז פאר מיר פערהאן? דער רבי האט איהם געענטפערט: פאר דיר איז נישט
רהאן קיין אנדער תשובה, אויסער מיתה, דאס הייסט: דו זאלסט אין דיר

לאזן אויספירן מיתה אויף דער וועלט, פון וואס די וועסט זיין זיכער פאר דיינע עונות וועלן גערייניגט, קומענדיג אויף יענער וועלט.

ער האט אנגעהויבן שרעקליך וויינען. זיינע טרעהרען וואס האבען נאס געמאכט די ערד, וועלען א לאנגע צייט'ניט פערטריקענט געווארען און מ'וואלט קענען מיינען, אז יענע ארט איז פון אייביג אן געזאפט מיט קוועלענדיג וואסער. ער האט געזאגט צום רבין: הייליגער צדיק, וואס פריהער נאט און נאכהער אייער כבוד, איך בעהט אייך נאכאמאל צוהערען דאס געוויין פון א פערשניטענע נשמה, און איהר זאלט מיר צו־ באשעפעניש, און אין מיר אויסצופיהרען מיתה בתנאי, אז איהר זאלט מיר צו־ שווערען אז איך וועל האבען צוזאמען מיט אייך א חלק אין גן עדן. — — —

דער הייליגער צדיק ר' מאיר ז"ל איז שטארק גערידהרט געווארען פון זיין וויינען, איבערהויפט פון דעם וואס ער האט אין איהם בעמערקט אז נאך פאר די מיתה איז ער חוזר בתשובה מיט'ן גאנצען הארץ, וואס אזעלכעס איז שוועהר צווישען אזעלכע לייט ווי ער צוטרעפען. און ער האט צו איהם געזאגט: איך שווער דיר, אז גאלדעס ווי מוועט אויף דיר אויספיהרען מיתה, וועסטו אויף יענער וועלט האבען צוזאמען מיט מיר א חלק אין גן עדן.

אויסהערענדיג דעם רבינ'ס שבועה האט ער שוין ניט געוואלט אהיים געהן, נאר גלייך געהן מיט דעם רבין אויספיהרען אויף זיך דעם פסק פון מיתת בידי אדם. דער רבי האט איהם געענטפערט אז היינט קען דאס ניט געטהוען ווערען און האט איהם געהייסען אהיים געהן צו זיין בני בית און מאכען אין אר־ דנונג דאס כשרות אין די טעפ ווי אויך אין די מאכלים און נאכהער, אז אלס־ דינג וועט זיין אין ארדנונג, זאל ער קומען אין בית המדרש אריין, און דארטען וועט מען אויף איהם אויספיהרען דעם פסק וואס ער נעמט אויף זיך מיט'ן גאנ־ צען הארץ. ער איז דערויף בעשטאנען. ער האט צוגעזאגט דעם רבין אלעס ...ם בנוגע כשרות פונקטליך אויסצופיהרען און נאכהער, צוקומען אויף זיך אויס־ פיהרען דעם פסק. זיי האבען זיך הערצליך געזעגינט און צושיידט, דער רבי צו זיך אין שטוב אריין קלערהין ווי אזוי דער פסק מיתה זאל אויסגעפיהרט ווערין און דער חוזר בתשובה (דער געוועזענער רשע) צו זיך אין שטוב אויספיהרען. אלעס וואס נויטיג איז וועגען ענין פון כשרות.

עס איז איבערגעלאפען עטליכע געציילטע טעג און דער חוזר בתשובה איז געקומען צום רבין מעלדען, אז ער איז שוין צו אלעס פארנעכרייט.

דער רבי האט איהם געבעהטען זיצען און נאכהער האט ער איהם געפרעגט צי ער האט אלעס פונקטליך ווי ער האט איהם געהייסען, אין זיין שטוב אויסגע־ פיהרט. אז ער האט געענטפערט יא האט דער רבי צו איהם געזאגט: איצטער קום אין די גרויסע שוהל און דארטען, וועט מען אויף דיר אויספיהרען דעם פסק.

די גרויסע פראנקפורטער שוהל איז אין יענע יאהרען געוועזען בעוואוסט, אלס דאס גרעסטע ארט פון דער גאנצער וועלט, וואס פון דארטען איז ארויס דער גאנצער מקור תורה, חכמה און דרך ארץ. צוליעב דעם האט זיך קיינמאל ניט געטראפען סיי אין אווינטער נאכט און סיי אין א זומער נאכט, וואלען די הייליגע זיסע גמרא קולות שטילען, זעלבסטפערשטענדליך אז בייטאג איז דער עולם אינווייניג ניט געווען ביי צופיעל גרויסע ...טער.

בעת די שוהל יורען האבען פאר זיך דערזעהען דעם היילינגען צדיק ר׳ מאיר ז״ל, זענען זיי פון זייערע ערטער אויפגעשטאנען, און דער קול פון לערנען איז אויף א ווייליע געשטעלט געווארען.

דער רבי האט צו זיי געזאגט „נישט שטילען זאלען אייערע זיסע קולות״ און באלד זענען אלע צוריק ביי זייערע היילינגע ספרים געזעסען און געלערינט. מען האט אריינגעפיהרט דעם חוזר בתשובה און איהם געזעצט צווישען צעהן אלטע יורען, די לומדים און חשובע פון פראנקפורט.

דער רב האט צו איהם געזאגט: איך וועל אין דיר דעם פסק אויספיהרען אויף דעם אופן: ל׳וועל נעמען געקאכטע בליי און דיר אין מויל אריינגיסען פון וואס די וועסט אין איינינגע מינוטען געפונען דעם טוידט. ער האט געענטפערט אז ער בעשטייט דערויף און לויט דעם רבינס פערלאנג, האט ער אנגעהויבען פאר די צעהן יורען צו מתודה זיין (אויסרעכנען געוי) אלע זיינע זינד. דאס מתודה זיין האט געדויערט העלבער דריי שעה, און די גאנצע צייט איז דער רב, געוועזען פערגומען ביים צוגרייטען און קאכען דאס בליי.

רבונו של עולם, האבען זיך די צעהן זקנים וואס זענען ביי־זיין ווידוי געשטאנען געטראכט, וויבאלד אלע זינדיגע וואלטען אזוי אפינתערציג ווי דער יוד זייערע זינד מתודה געוועזען, וואלטען זיי דאך געווים מיט׳ן ווידוי בלויז אפגעקומען און מיר וואלטען דאך שוין פון לאנג אויסגעלייזט געווארען פון אונזער ביטער גלות.

ער האט הויך געזאגט שמע ישראל מיט א ווייניגערען טאן וואס האט געקאנט א טוידטען לעבעדיג מאכען, און די אלע וואס זענען געזעסען און געלערינט מיט זיסע קולות, האבען זייער טאן פערביטען אויף א טרויעריגען

בעת ער האט דערזעהן דעם רבין ר׳ מאיר ז״ל לויפען מיט א משמש, און דער משמש האט אין האנד געהאלטען א גרויסען לעפיל מיט קאכענדיגע בליי, האט ער זיך אנידערגעלייגט אויף דר׳ערד, געעפינט דאס מויל ועדור ברייטליך, אום ס׳זאל לייכטער אנקומען אין איהם דאס בליי אריינגיסען. מיט די העגד האט ער זיך צוגעהאלטען דעם קאפ און פערשטעלט די שיין פון זיינע אויגין.

די מענטשין וואס האבען געזעהען ווי דער משמש לויפט צו, מיט דעם קאכענדיגען לעפיל בליי, האבען שיער א געוויין אויסגעבראכען און א קאלטער שוויים האט זייער לייב בעדעקט. פון דעסטוועגען האט יעדער שטארק דרך ארץ געהאט פאר דעם רבינ׳ס מינדסטין טהאט, און נישט איינגעשטעלט אנטקעגען איהם א ווארט אויסצורעדען.

דער רבי האט א געשריי געטהוען דריי מאל „וסר עונך וחטאתך תכפר״ (און ס׳זאל פון דיר פערשוואונדען ווערין ביידע ערליי זינד אי די פון מזיד אי די פון שוגג) אויפ׳ן העכסטין קול אז די גאנצע שוהל האט געציטערט נאר דער חוזר בתשובה, ווייזט אויס לינענדיג א פערחלשטער, האט זיך די מינדסטע בעוועגונג נישט נאכגעגעבען. דער רבי האט אנעם געטהוען דעם לעפיל וואס ער האט אונטער זיין מאנטיל געהאלטען, און שנעל צו איהם אין מויל אריינגעגאסען. דער משמש מיט זיין לעפיל בליי איז ווי א פערשעמטע

געבליבן שטעהן אויפ׳ן אָרט נישט ווייסענדיג וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. אויך די רעשט יודען האָבען נישט פֿערשטאַנען דעם רב׳נס שפּעקולאציע אַז אַנשטאָט בלייז האָט ער איהם אַריינגעגאָסען די בעסטע „ביגען-האָניג״ און אַז דאָס בלייז איז געוועזען נאָר איהם צו סטראַשען כדי ער זאָל חוזר בתשובה זיין מיט׳ן גאַנצען האַרץ, אַז ער זאָל טאַקי קענען האָבען אַן אָרט אין גן עדן.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט זיך דער חוזר בתשובה פֿון זיין שלאָף ערוואַכט, און האָט אָנגעהויבען וויינען, בעהטען און פֿרעגען דעם רבי׳ן פֿאַרוואָס ער מוטשעט זיך נאָך אין זיינע זינד און פֿאַרוואָס, דער רבי וויל אויף איהם נישט אויספֿיהרען דעם פּסק.

דער רבי האָט איהם בערוהיגט, האָט איהם אַלסדינג דערצעהלט און געזאָגט אַז ער איז שוין אָפּגעקומען מיט די שרעק, און ביים אויבערשטען האָט זיין ווידוי מיט די ערנסטע חרטה אַרויסגערופֿען רחמים און ער בדויך שוין נישט געמשפּט ווערען דורך מיתה

ער האָט פֿון שמחה אָנגעהויבען צו וויינען און בעשלאָסען, אַז דער רבי זאָל זיין, זיין וועג פֿיהרער און ער וועט זעהען מיט אַלע זיינע כחות, איהם צופֿאָלגען אין אַלסדינג, אַזוי ווי עס איז טאַקי געוואָרען נאָכהער, אַז ער האָט אָנגעהויבען שעה׳ן אין טאָג מיט לערנען זיך פֿערנעהמען און געוואָרען אַ גרויסער עהרליכער יוד.

---

אין עטליכע יאָהר אַרום איז דער הייליגער צדיק ר׳ מאיר ז״ל נפֿטר געוואָרען, און זיין לויה ווי אַזוי זי איז געוועזען — איז אונבעשרייבליך. איבערהויפּט איז נישט מעגליך געוועזען צו צוקוקען דאָס יאָמערען פֿון דעם חוזר בתשובה, אַז אויך ער וויל שטאַרבען און צוזאַמען קומען צום בית דין של מעלה, מיט׳ן צדיק, אַזוי ווי ער האָט איהם צוגעזאָגט.

אין די שבעה טעג נאָך ר׳ מאיר ז״ל, איז דער חוזר בתשובה קראַנק געוואָרען. פֿאַר זיין פּטירה האָט ער אַ געשריי געטהוען. טאַקע אַן אָרט פֿאַר דעם הייליגען צדיק ר׳ מאיר ז״ל, דען ער איז צו מיר געקומען מקיים זיין זיין הבטחה.

ער איז געשטאָרבען און עטליכע טעג נאָך זיין קבורה איז ער געקומען זיינע בעקאַנטע צום חלום און זיי דערצעהלט, אַז ער איז צוזאַמען מיט ר׳ מאיר ז״ל אין גן עדן.

ער האָט זיי דערצעהלט וואָסער כבוד ר׳ מאיר ז״ל האָט אין גן עדן און וואָסער כבוד ער האָט צוליב איהם,

אויך האָט ער געבעהטען אַז מען זאָל אַכטונג געבען אויף זיינע קינדער אַז זיי זאָלען, חלילה, נישט פֿערקרומען פֿון דעם גלייכען וועג, רח״ל. תנצב״ה.

---

# כא.

## ר׳ זושא פון חברון ז״ע.

אין חברון האט געוואוינט א יוד, א גרויסער אָרימאן מיט׳ן נאָמען ר׳ זושא ז״ל. פון איהם האט קיינער נישט געוואוסט, דען ווי ווייט מעגליך ער האט נאר געקאָנט זיין אָריטקייט פון פרעמדע מענטשען פערבעהאלטען, האט ער דאָס מיט זיינע אלע קרעפטען געזעהען צו טהוען.

ויהי היום, דאָס איז געווען אין חודש ניסן, און אין זיין הויז האט זיך נישט געפונען א שטיקעל ברויט מיט וואָס די הונגעריגע קינדער צו דערנעהרען, און ביי אלעם האט איהם זיין ווייב שטארק דאָס לעבען פערביטערט, פאר וואָס ער איז אנ׳אויסנאם מיט זיין ביטער מזל, אלע בעקומען שטיצע און ער נישט.

די מעשה דערפון איז אזוי: אין חברון איז געוועזען פון גאנץ אלטע צייטען א מנהג, אלע ראש חדש ניסן צוקלויבען געלד אויף „קמחא דפסחא“ פאר די אָרימע לייט, און די אָרימע לייט פלעגען קומען צום רב אויפגעבען זייערע אדרעסען און דער רב זעלבסט פלעגט ארומגעהן זעהען צי מען נאַרט איהם נישט, און ווייבאלד אז יענער איז טאקי געוועזען אזוי ווי ער האט זיך פאָרגעשטעלט, האט ער פון איהם געקריגען די גאנצע פסח געברויכונג.

פון דעם האט גאנץ גוט געוואוסט ר׳ זושא ז״ל. זיין ווייב האט דאָס אָבער נאָך בעסער געוואוסט און דאריבער איהם אזוי געפייניגט אז ער זאָל געהן זיך איינשרייבען אינ׳ם צעטעל פון די אָרימע געברויכער ביי איהם איז דאָס אָבער געוועזען ערגער ווי דער טויט, נישט ער האט געוואָלט אז מ׳זאָל וויסען אז אין חברון איז פערהאן אנ׳אָרימער זושא און נישט ער האט געוואָלט א הנאה האָבען פון א מתנת בשר ודם.

דער רב פלעגט אָבער קיינמאָל נישט טהוען לפנים משורת הדין, נאָר דער וואָס איז צו איהם געקומען, זיך פערגאָסען זיין בלוט פאר הרפה און געמאלדען, אז ער נויטיגט זיך אין קמחא דפסחא, דער האט בעקומען זיין חלק, אי טאָמער איז פערהאן אזעלכע וואָס שעמען זיך צוקומען און מ׳ברויך צו זיי אין שטוב אריין צוקומען געוואָהר ווערען וואָס זיי פעהלט, האט דעם רב קנאַ אינטערעסירט, צווישען די וואָס שעמען זיך צוקומען איז אויך געוועזען דער פערבאָרגענער אָרימאן און גרויסער צדיק ר׳ זושא ז״ל, און אפשר ווען מ׳וואָלט צו איהם געקומען אין שטוב אריין אָהן זיין ידיעה, וואָלט ער יאָ פאר ליב גענומען און געזאָגט „מן השמים בעדארף אזוי צו זיין פון הימל“

די עטליכע טעג זענען איבערגעלאָפען און עס איז אונטערגעקומען דער י״ג ניסן, א טאָג פאר ערב פסח. די קולות פון די הונגעריגע קינדער און דאָס שעלטען און זידלען פון זיין קרענקליך ווייב האט איהם געבראכט דערצו, אז ער זאָל זיי איבערלאָזען אליין אין שטוב און אנטלויפען דאָרטען, וואו זיינע אייגען וועלען איהם ווייזען, און ער האט אזוי געטהוען.

געהענדיג, מיט א פערביטערט הארץ פון דעם וואָס אז ער האט נישט

קיין חמץ, אי ער האט נישט קיין מצה, האט ער בעגעגינט אנ'אלטען מאן. (דאס איז געוועזען אליהו הנביא ז"ל) ער איז צוגעגאנגען צו איהם, און האט איהם געגעבען שלום, ווארום ער האט פערשטאנען אז ער איז נאר וואס געקומען צופאהרען.

ער האט בעמערקט ווי דער אלטער מאן וויל איהם עפעס זאגען, און ער האט זיך מקדים געוועזען און איהם פריהער געפרעגט וואס ער ברויך, דאן האט איהם דער אלטער געבעהטען, ער זאל איהם טהוען א טובה און איהם אריינגעהמען צו זיך אויף יום טוב. און האט ארויסגענומען א בייטעל מיט געלד און איהם אוועקגעגעבען אויף די יום טוב הוצאות. ער איז דערויף בעשטאנען און געפרעגט דעם אלטען ווי ער הייסט, האט ער געענטפערט אז זיין נאמען איז רבינו נסים המצרי. דער אלטער איז פון איהם אוועקגעגאנגען, און ער איז מיט גרויס שמחה אהיים געלאפען צו זיך אין שטוב צו בדיקת חמץ, און זיי איבערגעבען דאס געלד מיט די בשורה טובה אז גאט האט איהם געהאלפען און געראטיוועט פון זיין נויט.

אין שטוב איז געווארען א גרויסע פרייד, מען האט באלד אריינגענומען א ברויט און געגעבען די קינדער זייערע פערשמאכטע הערצליך צו דערחאפען. זיין ווייב איז געשטאנען א פערשעמטע מיט אראפגעלאזענע אויגען, בעת ר' זושא ז"ל האט צו איהר געזאגט: אבער דו זעהסט אז נאר אויף גאט בעדארף מען זיך צופערלאזען און נישט אויף קיין בשר ודם.

ער האט בודק חמץ געוועזען און אויך גענומען עפעס אין זיין מויל אריין. מיט א פרעהליך הארץ האט ער זיך נאכהער אוועקגעזעצט עטליכע שעה לערנען און נאכהער זיך געלייגט שלאפען

צומארגינס פריה האט מען שנעל ארויסגערוימט און פארברענט דאס איבערגעבליבענע חמץ, און נאכהער איז ער מיט די קינדער געגאנגען זיי אויסקליידען און אנוואשען לכבוד יום טוב, און זיין ווייב איז געגאנגען בעזארגען מצות און פלייש, אלעס וואס איז נויטיג צוהאבען פסח אין א יודיש הויז.

פארנאכטצו איז ער מיט די קינדער געגאנגען אין שוהל אריין דאווענען און אויפזוכען דעם יור וואס בעדארף ביי איהם פסח האלטען. נישט אין שוהל און נישט אין בית המדרש, האט ער דעם יור געפונען, און ער האט אנגעהויבען לויפען איהם זוכען אין די גאסען נאר אומעטום האט מען איהם געענטפערט אז דער נאמען (רבינו נסים המצרי) איז פאר זיי גאנץ פרעמד.

זעהענדיג אז ס'איז שוין גוט שפעט אין דערנאכט און מען בעדארף שוין געהן דעם סדר מאכען, דען די קליינע קינדער וועלען אנטשלאפען ווערען, האט ער זיך אומגעקעהרט אהיים און האט געזאגט צו זיין ווייב: דער אלטער מוז געווים זיין אליהו הנביא ז"ל דען זיין נאמען (רבינו נסים המצרי) איז טייטש: דער העדר וואס האט בעוויזען נסים אין מצרים. מיט דעם גדאנק אז ער האט די זכיה געהאט צורעדען מיט אליהו הנביא ז"ל האט ער זיך שטארק משמח געוועזען ביי דעם ספור יציאת מצרים.

---

דער רב פון חברון האט זיך אויך משמח געוועזען פון די גוטע מאכלים

און אַ רוהיגער, זיך נאָכהער געלעגט שלאָפען. אין מיטען שלאָף האָט ער גע-מאַכט אַ שרעקליך געוואַלד און די אויפגעוועקטע האָבען איהם קוים דער-ראַטעוועט.

אַז ער איז געקומען צו זיך האָט ער דערצעהלט, אַז אַ מלאך אלקים האָט איהם געוואָלט דערשטיקען פאַר דעם וואָס ער איז נישט געגאַנגען נאָכ-זוכען, וועלכער אָרימאַן ס'האָט נישט אויף יום טוב און געלאָזט הונגערען דעם הייליגען ר' זושא. און ווען אליהו הנביא ז"ל וואָלט נישט געבעהטען רחמים בײַם אויבערשטען אויף זײַער שטאָדט, וואָלט זי שוין לאַנג אויסגעזעהען ווי סדום ועמורה.

צומאָרגענס, דעם ערשטען טאָג פסח אין דערפריה, איז דער רב געגאַנ-גען צו ר' זושא, איהם געבעהטען מחילה און פערלאַנגט, אַז ער זאָל מוחל זײַן די גאַנצע שטאָדט, אום זיי זאָלען, חלילה, נישט געשטראָפט ווערען, און ער האָט איהם און דער שטאָדט מוחל געוועזען.

פון דאַמאָלס אָן האָט דער רב זיך אָנגעהויבען פיהרען לפנים משורת הדין און בעשלאָסען מעהר אָרדנונג אײַנצופיהרען אין ענין פון קמחא דפסחא.

ר' זושא ז"ל, איז ווידער פון יענע צײַט אָן, געוואָרען אַ גרויסער גביר און זײַן שם האָט געקלונגען אויף דער גאַנצער געגענד.

---

## לב.

## ר' יחיאל פון צרפת זי"ע

ר' יחיאל ז"ל האָט געוואוינט אין צרפת אַ לאַנגע צײַט, ער איז געוועזען אַ רײַכער מענטש און אַ גרויסער צדיק. ער איז געוועזען אַ גרויסער בעל קבלה. נע-בען זײַן שטוב איז געוועזען זײַן בית המדרש וואָס דאָרטען פלעגט ער לערנען און דאַוונען. דאָרטען האָט געברענט אַ נר תמיד אָהן בוימאײַל און קיינער האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס דאָס איז.

לודוויג דער זיבעטער, דער קעניג פון צרפת, האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט אין אַלע וועלט חכמות, און אַזוי ווי ער איז געוואויר געוואָרען פון ר' יחיאל ז"ל נר תמיד, האָט ער צו איהם געשיקט אַ שליח, פרעגען די בעדײַטונג פון דעם נר תמיד. פאַר דעם שליח האָט ר' יחיאל ז"ל די גאַנצע מעשה פערלײַקענט. ער האָט דאָס נישט געוואָלט מודה זײַן צוליעב צוויי טעמים. ערשטענס: טאָמער וועט ער דערפון האָבען כבוד און צווייטענס: טאָמיר וועט דער קעניג גאָר זאָגען אַז דאָס מאַכט ער מיט כשוף, און דער שליח האָט געענטפערט דעם קעניג אַז די גאַנצע מעשה מיט'ן נר תמיד איז אויסגעטראַכט.

דער קעניג האָט אָדער געוואוסט אַז די זאַך איז נישט קיין ליגענד נאָר ער לײַקענט און וויל נישט זאָגען, האָט ער צוזאַמענגערופען די גרויסע לײַט פרעגען אַן עצה וואָס ער זאָל טהון. ביי זיי איז געבליבען אַז דער קעניג מיט עטליכע

בּעדריטענער זאָלען צו איהם געהן זיך איבּערצייגען דערין און אַזוי איז טאַקע געוועזען מיטוואָך בּיינאַכט פ׳ תשא זענען זיי צו איהם אַהין געגאַנגען.

אין צרפת פלעגט זיין אַ מנהג, אַז די שכור׳ע גוים פלעגין שפּעט אין דער נאַכט אָנקלאַפּען אין די יודישע פענסטער, אום זיי פון שלאָף אויפצוּוועקין, נאָר אַז מען האָט זיי עפּיס דערלאַנגט צום עסין זענען זיי אַוועקגעגאַנגען. ר׳ יחיאל ז״ל האָט אָדער נישט געוואָלט אַז מען זאָל אין מיטען דערנאַכט קלאַפּען בּיי זיינע פענסטער און איהם שטערין צולערנען. דאַריבּער האָט ער אין זיין שטוּב, אין פאָרלאָגע, געהאַט שטעקען אַ האַק און ווי בּאַלד, אַ שכור׳ער איז צו זיין לאָדען געגאַנגען קלאַפּען האָט ער, אינוויינינ, מיט אַ האַמער אין האַק אַריינגעקלאַפּט, און דער שכור׳ער איז בּאַלד פון זיין פענסטער אַוועקגעוואָרפען געוואָרען אויף ווייטען, און מעהר נישט צוריק געקומען.

דאָ, בּעת דער קעניג מיט זיין סוויטע זענען אומגערעכט אָנגעקומען, האָט אַ בּעדריטענער אָנגעקלאַפּט אין לאָדין אַלס צייכען אַז ער זאָל עפענען זיין טהיר פאַר דעם קעניג. ער האָט אָדער געמיינט אַז דאָס טוהוט אַ שכור און דעריבּער האָט ער מיט׳ן האַמער איבּער׳ן האַק דערלאַנגט, נאָר דער האַמער האָט נישט אָנגעטראָפען אויף דעם האַק און ער האָט פערשטאַנען אַז דאָס איז נישט פראָסט. ער האָט שוין מעהר נישט געקלאַפּט מיט׳ן האַמער נאָר ער איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען זעהן, ווער ס׳בּרויך צו איהם אַזוי שפּעט בּיינאַכט.

ער איז שטאַרק דערשראָקען געוואָרען בּעת ער האָט דערזעהען דעם קעניג שטעהן און ציטערען און ער האָט זיי אַריינגעבּעהטען צו זיך אין שטוּב, און געזעצט נאָהנט פונ׳ם איינגעהייצטען אויווען אום זיי זאָלען זיך חפּרימען

ער האָט זיי דערלאַנגט גוטע מאכלים און זיי זענען צו זיך געקומען פון די שרעק וואָס זיי האָבּען אין דרויסען איבּערגעלעבּט.

זיי האָבּען פערשטאַנען אַז ער מוז זיין אַ הייליגער מענטש און דער קעניג האָט איהם געבּעהטען ווייזען דעם נר תמיד. ר׳ יחיאל ז״ל האָט געענטפערט אַז ער בּענוצט זיך חלילה קיינמאָל נישט מיט קיין כשוף מאַכעריי און האָט איהם געוויזען אַז אין נר תמיד איז פערהאַן אַזאַ סאָרט שמאָף וואָס דערהאַלט שטענדיג פייער, און נאָר ער ווייס דערפון ווייל ער קען גוט די טבע פון יעדער זאַך

דער קעניג, זעהענדיג, אַז ער איז זעהר אַ קלוגער און געלערנטער מענטש האָט איהם איינגעלאַדען צו זיך אַלס יועץ, און איהם בּעשטימט אַ גרויסע פענסיע. מיט דער צייט איז ער געוואָרען וויצע קעניג און דער גאַנצער פיהרער פון לאַנד. דאָס האָט זייער פערדראָסען אַלע מיניסטאָרען און זענען איהם געוואָרען גרויסע שונאים.

איינמאָל, האָבּען זיי אויף איהם אויסגעקלעהרט אַ שקר בּלבול, און האָבּען צום קעניג געזאָגט: ווי אַזוי איז ער דיין וויצע קעניג און דיין עצה געבּער אַז פון דיר האַלט ער גאָרנישט נאָר חנפה׳ט דיך בּלויז מיט זיינע נאַרישע רייד. אַ ראיה האָסטו אַז ער ליידט דיך נישט—האָבּען זיינע שונאים צו איהם ווייטער געזאָגט—אַז ווי בּאַלד דו וועסט אָנריהרען אַ בּעכערל ווין, וועט ער אויף קיין פאַל נישט וועלין טרונקען. דעם קעניג האָט דאָס שטאַרק פערדראָסען און ער האָט בּעשלאָסען

נישט צורעדען פריהער דערפון, ביז וואנען ער וועט געוואויר ווערען אויף זיכער צי ס'איז אמת זייערע רייד.

בעת מען האט דעם קעניג דערלאנגט א בעכער וויין האט ער איהם מיט זיינע הענד דערלאנגט ר' יחיאל ז"ל אז ער זאל איהם אויסטרונקען. ר' יחיאל ז"ל, פערשטעהענדיג דאס בלבול פון זיינע שונאים, האט נעדאנקט דעם קעניג פאר די עהרע וואס ער האט איהם מיט זיינע אייגענע הענט דערלאנגט וויין און האט געזאגט: אדוני קעניג, דערוויל זאל דער וויין שטעהן אויפ'ן טיש ווארום אין מיט'ן עססען ליעב איך נישט קיין וויין. דער קעניג האט איהם גארנישט געענטפערט דאגעגען.

נאכ'ן עססען האט מען דעם קעניג דערלאנגט וואסער, זיך אפצוואשען זיינע פעטע הענט און אויסשווענקען דאס מויל. אז דער קעניג האט אוועקגעשטעלט דאס איבערגעבליבענע וואסער, האט ר' יחיאל ז"ל עס אויסגעטרונקען און זיך געווענדעט צום קעניג האט ער געזאגט: גרויסער קעניג, מיינע שונאים וויסען אז ביי אונז אין דער תורה איז פערבאטען צו טרונקען דעם וויין וואס איז נישט געארבייט געווארען צווישען יודען און דאריבער, האבען זיי אט דעם שקר בלבול אויפגעחאפט דיר אויסצוווייזען אז איך מיאוס מיך פון דיינע הענט, דאריבער ווייז איך דיר אז דאס וואסער וואס דו האסט אויסער אין דיינע הענד געהאלטען, אויך דאס מויל געשווענקט, איז ביי מיר ליבער ווי זייערע בעסטע געטראנקען און שפייזען.

דער קעניג האט צו איהם א שמייכעל געטהון, אלס צייכען פון דאנקבארקייט און איהם בעשאנקען מיט א מעדאל. זיינע שונאים וואס זענען דערביי געווען זענען שיער פון זין אראפ פאר גרויס עגמת נפש. אויסער די אלע בעשוועה־רונגען וואס ר' יחיאל ז"ל האט אויף זיי פון דעמאלט אן ארויפגעלייגט האט ער א מאל פון זיי אפגעזאגט פון זייערע שטעלען.

---

## ל"ג.

## ר' אשר פון ירושלים ז"ע

דער הייליגער ר' אשר ז"ל איז געבליבען אג'ארימאן פון אלע זיינע גרויסע געשעפטען, און איז געווארען א רייזענדער ביי זיין ברודער אין געשעפט. א ווייב האט ער געהאט זעהר א שעהנע און א גרויסע בריה בעוויל זי האט געשטאמט פון א בעל־בתישע פאמיליע. דער ברודער זיינער איז געווען אנ'אלמן, און טאן האט איהם געעדט שידוכים. ער האט אדער נישט געוואלט וויסען פון די אלע שידוכים דען ער האט שטארק חשק געהאט צו זיין ברודער'ס ווייב. און ער האט געהאלטען אין איין קלערין ווי אזוי דאס אויסצופיהרען.

איינמאל איז ער זיך מיישב און זאגט צו זיין ברודער: מיין ליעבער ברו־דער, איך ווייס אז דו ארבייטסט מיר זעהר געטריי אין מיינע געשעפטען, און א דאנק גאט צייט דו ביזט מיין רייזענדער איז צו מיר אין שטוב די ברכה געקו־מען, אלזא פערלאנג איך פון דיר אז דו זאלסט פארען אין דערפריה ווידער

אהרין אין וועג ארײַן. אגב קען איך דיר נאך אויך צוליב טהוען: לק'ען דײַן פרוי אויסהאלטען מיט קעסט און דירה, און דערפאר זאל זי אביסעל אכטונג טהוען אויף מײַן בעל-בתישקײַט אין שטוב, בעזונדער'ס וועסטו דערפון פער־איבריגען פיעל געלד.

ר' אשר ז"ל, גישט ווײסענדיג ווי אזוי זײַן פרײד אויסצודריקען האט אוש אנגעהויבען צו וויינען. ער האט בעשײַנפערליך אײַנגעזעהען אז ער וועט דא האַ־בען א גליק: ער וועט קענען אנזאמלען פיל געלד און מיט דער צײַט אלײַן ווע־רין א געשעפט'ס פיהרער אזוי ווי אמאל. יעדענפאל וועט ער זעהען וואס לעגנער זיך צו זוימען אויף דער רײַזע אום אײַן צוקארגען זײַנע שטובינע הוצאות.

ער איז אהײם געגאנגען און האט דערצעהלט זײַן ווײַב דאס גרויסע גליק וואס איהם איז אזוי פלוצלינג אנגעטראָפען. זי איז אויך אײַנגעגאנגען דעריוף, ווען זי האט פערשטאנען אז מן השמים וועט דאס אלעס זײַן איהר לטובה און זי וועט אין קורצען קענען אלײַן עפענען א געשעפטיל. זיי האבען אפגעזאגט די דירה וואס זיי האבען אין איהר געוואוינט און זי האט זיך אריבערגעטראָגען צו איהר שוואגער, דעם מאנ'ס ברודער. זיי האבען זיך געזעגענט און ער איז א פרעהליכער, מיט נוטע האפנונגען אויף דער צוקונפט אוועקגעפאהרען אויף די רײַזע.

ויהי היום, איז איהר שוואגער צו איהר צוגעגאנגען און איהר איבערגע־געבען א סוד אז ער וויל מיט איהר טהוען אן עבירה און ער וועט איהר דערפאר פיל גרויסע טובות אין דער פרנסה טהיען. ער האט איהר אנגעהויבען פיל גלי־קען פארצולײַגען פון וועלכע א מת וואלט הערענדיג פון אזעלכע גליקען פון קבר ארויסגעלאפען, נאר זי האט דערפון גארנישט געוואלט וויסען און איהם אפגע־ענטפערט מיט האס און שנאה.

זעהענדיג אז זײַן פלאן איז איהם נישט געראטען, האט זיך זײַן תאוה אין איהם צוקאכט אין געפאדערט נקמה. ער האט בעשלאסען זיך אין איהר צו נוקם זײַן. ער האט, איינמאל, צוגערופען זײַן משרת און צו איהם געזאגט: אין א וואך ארום וועל איך מאכען א באל, לכבוד מײַן פאטער'ס יאהרצײַט און אז איך וועל דיך מיט מײַן ברודער'ס ווײַב אין קעלער ארײַן שיקען, זאלסטו די מהיר פון אינווייניג פערמאכען, דען איך וויל איהר אפטהיען א שטיקעל פון וואס זי זאל מיך האבען צוגעדענקען לדורות. דער משרת האט איהם צוגעזאגט אלסדינג פונקטליך אויסצופיהרען.

איפין באל וואס איז געווען פאריעקויען צוליב זײַן פאטער'ס יאהרצײַט, האבען די געסט פערזאמעלט ווײַן, און ער האט געהייסען דעם משרת געהן ארויס־נעמען פון קעלער עטליכע בוטעלן ווײַן און מיט די שליסלען האט ער נאכגע־שיקט זײַן ברודער'ס ווײַב, זײַן שוועגערין. דער משרת האט געדענקט וואס זײַן בעל הבית האט איהם אנבעפוהלען און האט געמאכט אזוי געטהיען.

זעהענדיג אז עס איז שוין איבערגעלאפען א האלבע שעה און זיי זענען נאך נישטא צוריק פון קעלער, האט ער נאך זיי אראפגעשיקט זײַנע א קלענערן משרת. אלע זענען שיער פון די זינען ארויסגעפאלען הערענדיג ווי דער משרת האט דערצעהלט אז ער האט זיי געטראפען בײַ אן עבירה און אז דער קעלער איז פון

אינה חַניג פֿערשלאָסען, דער בעל הבית האָט זיך געטשעלט פּקוראַט ווי ער ווײַסט גאַרנישט פֿון דער גאַנצער מעשה, און זיך געריסען די האָהר פֿון קאָפּ פֿאַר חרפּה, וואָס זײַן ברודער׳ס ווײַב האָט זיך אונטערגענומען פֿאַלכעס צוטהוען. ער מיט נאָך עטליכע מענטשין זענען אַראָפּ אין קעלער, האָבען אויפֿגעריסען די פֿערשלאָסענע טהיר, און קודם כל זיך אַלאַז געטהיען צו זײַן שוועגערין און איהר געהאַרגיט מכות אכזריות. ער האָט איהר שוין מעהר נישט געלאָזט צו זיך אין שטוב אַרײַן און יענע נאַכט האָט זי זיך אײנע אַליין אַרומגעדרעהט אויפֿ׳ן פֿרײַען פֿעלד, דען אויך די שכנים האָבען פֿון איהר נישט געוואָלט וויסען וואָרום זי איז געוועזען ריין פֿון יעדער שולד.

בײַנאַכט האָט זי אין פֿעלד געבלאָנדזשעט ביז זי איז צוגעקומען צו אַ הײַזעל פֿון אַ נאַכט היטער און זי איז דאָרטען אַרײַנגעגאַנגען איבערנעכטיגען זאָגענדיג אַז זי איז אַ פֿרעמדע און ווײַסט נישט דעם וועג. דער נאַכט וועכטער האָט אויף איהר רחמנות געקריגען, האָט איהר געגעבען צו עסען ברויט מיט וואַסער (וואָרום עפּיס אַנדערש האָט זי נישט געוואָלט) און איהר אָפּגעגעבען אַנ׳אָרט צום שלאָפֿען.

יענע נאַכט זענען אויף דעמזעלבען וועג פֿערבײַ געפֿאָהרען אַ קאָמפּאַניע סוחרים און צווישען זײַ איז געוועזען אײַנער, זעהר אַ פֿרומער, אַ קלוגער און געלערינטער מענטש. בעמערקענדיג דאָס הײַזעל פֿון דערווײַטענס איז ער דאָרטען אַרײַנגעגאַנגען און בעמערקט אַ יודישע פֿרוי זיצען און עסען און ער האָט פֿערשטאַנען אַז דאָס איז נישט פּראָסט. ער האָט איהר געבעהטען זי זאָל איהם דערצעהלען ווי אַזוי זי איז געקומען אין דעם הײַזעל אַרײַן און וואָסער סבה איהר האָט דערצו געטריבען. זי האָט איהם מיט טרעהרין אין די אויגען דערצעהלט אַלסדינג וואָס איהר שוואָגער האָט מיט איהר געטהוען, און ער האָט אין איהר דערקענט אַז אַלעס וואָס זי זאָגט איז אמת. ער האָט זיך דערמאָנט אַז קײַן קינדער חאָוען זיך נישט רח״ל לאַנג בײַ איהם האָט ער בעשלאָסען איהר צוראַטיווען און צו זיך אַרײַנגעמען, און אפשר וועט איהם גאָט אין דעם זכות העלפֿען.

זי איז אײַנגעזעסען בײַ זײַ אויף דער פֿוהר און איז מיט דעם אונבעקאַנטען אוועקגעפֿאָהרען. בײַ איהם אין שטוב האָט איהר גאָרנישט געפֿעהלט און זי האָט אין עטליכע וואָכען פֿערגעסען וואָס מיט איהר האָט אַמאָל פּאַסירט, נאָר נישט לאַנג האָט איהר גליק געדויערט.

אײַנמאָל ווען קײַנער אַחוץ איהר איז אין שטוב נישט געוועזען, איז אַ דאָרטיגער משרת צו איהר צוגעגאַנגען און געזאָגט: וויסען זאָלסטו אַז וויבאַלד דו וועסט מיר נישט נאָכגעבען מײַן תאוה, וועל איך דערשטיקען דאָס קלײַנע קינד וואָס דו האַלסט אויף דײַנע הענט און אַז זײַ וועלין אַהײַם קומען וועל איך זאָגען: דאָס קינד האָט שטאַרק געוויינט, נאָר אום פּטור צו ווערין פֿון דעם קינד׳ס געשרײַען האָסטו עס דערשטיקט. זײַ וועלין מיר געוויס גלויבען און נישט קוקען אויף דעם וואָס דו וועסט פּרובען אָפּלײַקענען, און וועלען דיר אָנטהוען נעבּרענטע יסורים. זי האָט דאָס אַלעס פֿון איהם אויסגעהערט און האָט געענטפֿערט: דו קענסט טהוען וואָס דו ווילסט און איך וועל נישט צוליב דײַן אומגליקליכע, נאַרישע תאוה פֿערלירען בײדע וועלטין. דער גאָט וואָס האָט מיך ביז

איצטער געהיטען וועט מיך ווייטער היטען. ער האט געזעהען אז ער האט נישט מיט איהר וואס צוטאכען, האט ער דערשטיקט דאס אונשולדיגע קינד אום פון איהר נקמה צונעמען.

וועהענדיג זיין אויסגעפיהרטע מערדעריי איז זי אויך פון יענע שטוב פאַ-טלאָפען, מורא האבענדיג פאר א פריש אומגליק, און איז ווידער געבליבען אַנ׳עלענדע אין א וויסטעניש.

זי האט אנגעהויבען בעהטען ביי גאט אז ער זאל איהר די נשמה צונעמען, אום זי זאל פון די אלע צרות פטור ווערין. דער אויבערשטער האט צוגעהערט איהר געוויין און צו איהר געשיקט אליהו הנביא ז״ל

אליהו הנביא ז״ל איז צו איהר צוגעגאנגען און האט געזאגט: נישט שרעק זיך, גאט האט צוגעהערט דיין געבעהט און פערשטעהט דיין ביטער הערץ; דערפאר וואס דו ביזט א ריין עהרליך יודישע נשמה געבליבען האט מיך גאט געשיקט, מיט דיר צוטהוען גרויסע נסים.

ער האט איהר איין אויגענבליק אפגעשטעלט אין איהר שטאדט, אין א וואויגונג וואו איהר מאן איז דארטען געוועזען.

דער מאן איז שטארק, און אנפאנגס, דערשראקען געווארען, נאר וועהענדיג אליהו הנביא ז״ל האט ער צו איהם געזאגט: געלויבט השי״ת דער-פאר וואס ער האט מיר מיין אבידה צוריק געגעבען און מיין ווייב איז גע-בליבען א יודישע און עהרליכע פרוי ווי געוועזען.

אליהו הנביא ז״ל האט נאכהער צו איהם געזאגט: וויסען זאלסטו אז דאס אלעס איז געשעהען אין דיין זכות און פאר דעם צער וואס דו האסט פון דיין ברודער׳ס שלעכטקייט און פאר דעם, וואס דו האסט נישט געזעהען דיין ווייב א לאנגע צייט, האט דיך גאט געבענטשט מיט עשירות, שפע און הצלחה אויף דיין גאנץ לעבין. אליהו הנביא ז״ל האט זיי געבענטשט. ער האט זיך מיט זיי געזעגינט און איז פון זיי אוועק געגאנגען.

---

## לד.

## דער בעל מופת ר׳ יצחק חיות ז״ע

דער הייליגער צדיק ר׳ יצחק חיות, וואס איז בעוואוסט אין די גאנצע וועלט מיט זיין חיבור „זרע יצחק״ אויף גאנץ משניות, איז איינמאל גאנץ פלוצלינג געליגען אין דער „הינער-פלעט״. מ׳קען זיך פארשטעלין ווי די גאנ-צע שטאדט האט נאך איהם געגאסען מיט טרעהרין. מען האט זיך איינגע-טהיילט אין משמורים און אלע עטליכע שעה איז אנ׳אנדער משמר פון הייליגע צדיקים און תלמידי חכמים געזעסין געבין איהם, איהם געהיטען און געזאגט תהילים.

אויפ׳ן פירטין טאג האבען די תלמידי חכמים וואס זענען געזעסין איהם בעמערקט, ווי ער איז אויפגעקומען פון זיין לאנגען שלאף. באלד האט

טאָן איהם דערמינטערט, געגעבין עפּיס אין מויל אריין און געזעהען אז ער זאָל צוריק בעקומען דאָס דעת און די כחות.

שפּעטערדיג אז ער איז שוין בײַ זײַנע כחות, און מ'קען שוין מיט איהם עפּיס רעדין, האָבען די תלמידי חכמים צו איהם געזאָגט: הײליגער צדיק, מיר בעטען דיך זאָג אונז וואָס דו האָסט אויף יענער וועלט געזעהען?—נײַן, איך וועל אײַך גאָרנישט זאָגען—האָט ער זײַ געענטפערט—רעדן פון הימל האָט מען מיר פערבאָטען אַזעלכעס צו דערצעהלען. זאָג אונז כאָטש האָבען זײַ דערשפּעטער בײַ איהם געבעטען—פאַרוואָס דײַנע אויגין האָבען אין דריטען טאָג געגאָסען מיט טרערין און נאָכהער, האָסטו דײַנע קלײדער צעריסען? אָט דאָס יערגט איהר, האָט ער זײַ מיט אַ קלײנעם שמײכעל געענטפערט, איז מיר יאָ ערלויבט געוואָרען פון הימל צו דערצעהלען.

הערענדיג, אז ער וויל זײַער פערלאַנג ערפילען, זענען זײַ געבליבען זיצען רוהיג און ער האָט אָנגעהויבען ערצעהלין:

באַלד ווי מײַן נשמה איז פון מיר אַרויס—האָט ער צו זײַ געזאָגט—איז צו מיר צוגעקומען אַן אַלטער מאַן. ער האָט געזאָגט אז ער איז מײַן טאַטינס אַ פאָטער, מײַנס אַ זײדע און הײסט ר' מנחם מאַניש חיות ז"ל וואָס איז געווען רב אין ווילנא. ער האָט מיך געהײסען פאַרטרײַט-מאַכין צוגעהן אויסהערין מײַן פּסק בײַם בית דין של מעלה. און ווײַבאַלד—האָט דער זײדע צו מיר געזאָגט—איך וועל געמשפּט ווערין זכאי וועט מיר גוט זײַן. ער איז מיט מיר געגאַנגען צום בית דין של מעלה, ער איז אינווײַניג אַרײַנגעגאַנגען און איך בין געבליבען שטעהן אונטער די טהיר. אינווײַניג האָט ער דערצעהלט אַלע מײַנע מעשים טובים און מיך מזכה געווען לכף זכות.

פלוצלינג בעמערק איך ווי אַ נאַלטער מאַן געהט צו מיר צו, בעת ל'בין געשטאַנען און געוואַרט אונטער די טהיר, דאָס איז געווען מײַן מוטער'ס פאָטער, וואָס איז געווען ראש בית דין אין פּראַג און האָט מחבר געווען דאָס ספר אפּי רברבי. ער האָט מיך נישט געהײסען וואַרגין און געזאָגט אַז מ'וועט מיך משפּטין זכאי און מ'וועט מיר נאָך מעהרען יאָהרען צום לעבען. דען דער סקאַלאַ'ר רב איז אויך געווען פון מײַן זײַט און דאַריבער, האָבען די מקטריגים קײן כח נישט געהאַט אויסצופיהרען מזאָל מיך משפּט'ן צוגעהן אין גהינם.

באַלד איז אַרויסגעקומען מײַן זײדע ר' מנחם מאַניש חיות ז"ל און האָט מיר דערצעהלט אַז ל'האָב גרויסע זכותים וואָס מיט זײַ האָב איך מנצח געווע-זען אַלע מקטריגים, און אז מען האָט מיר געפּסקנ'ט אַביסעל גלות צו לײַדען און מען האָט מיר מוסף געווען יאָהרען צום לעבין. ער האָט מיר געזאָגט אין וואָס מײַן גלות לײַדין בעשטעהט און ווי אַזוי ל'זאָל זיך פיהרין. ער האָט זיך מיט מיר געזעגענט און איך בין געגאַנגען אָפּלײַדען גלות, ווי ער האָט מיר געזאָגט.

צום ערשטין בין איך געקומען אין אַן אָרט פון פערשטאָלטע רוחות, און אַז זײַ זענען צו מיר צוגעלאָפען האָב איך זיך געשטעלט ווי אַ שטומער, האָב

זיי גארנישט געענטפערט אום זיי זאלען טוען אוועקגעהן, אזוי ווי מיין זיידע האט מיר געזאגט.

נאכהער האט מיך אויפ'ן וועג בעגעגענט עטליכע בייזע הינט און האבען אויף מיר געבילט, נאר צו מיר צוגעהן האבען זיי נישט געקאנט און זענען געשטאנען פיער איילין ווייט פון מיר. אויך פאר זיי האב איך זיך נישט געשראקען און בין מיר ווייטער געגאנגען מיין וועג. עס איז מיר אויסגעקומען אדורכצוגעהן פאר א גרויסען בארג, אונטער דעם בארג האב איך זיך אנידער געשטעלט און אנגעהויבען אפגעבען א שבח דעם רבונו של עולם פאר זיינע גרויסע חסדים וואס ער האט מיט מיר געטהוען און מיך געראטיוועט פון שלעכט'ס. פון גרויס התפעלות האב איך געגאסען מיט טרערין. דאס זעהען די טרעהרין—האט ער צו זיי געזאגט—וואס איהר האט בעמערקט אויף מיין פנים.

זיי האבען איהם געבעהטין אז ער זאל דערצעהלין פאר[...]ם ער האט אין שלאף צוריסען זיינע מלבושים. ער האט צו זיי געזאגט: בעת כ'האב דערנסמאל ביים בארג געוויינט, איז מיין זיידע צו מיר געקומען און האט מיר געזאגט, אז איך וועל שוין מעהר נישט ליידען קיין גלות. ער האט מיך געטרייסט און איז מיט מיר געגאנגען שפאצירען. מיר זענען געגאנגען פערביי שמעקענדיגע גערטנער און פעלדער, און אונזער פערגעניגען איז געוועזען גרויס. פלוצלינג הערין מיר פון דערווייטינס א קלאנג פון רייטוועגין און באלד דערנאך זעהען מיר, א גרויסע פערזאמלונג פון רוחות אין מיט זייער שר בראש פאהרען אין יענע פוהרען. מיר קוקען זיך בעסער-צו און מיר בעמערקין ווי נאך די פוהרען שלעפט זיך נאך א פרוי מיט איהר'ס א זהן, און ביידע זענען צוגעבינדען. זייערע ביטערע קולות זענען געוועזען אונגעהויער. מיר האבען געהארכט א קול שרייט „אזוי ווערט געשטראפט די פרוי, וואס לערנט נישט מיט איהר קינד די יודישע מדות". מיין זיידע איז צוגעגאנגען צום שר האט איהם געפרעגט ווי לאנג די פרוי מיט איהר זוהן וועלין נאך ליידין די יסורים. דער שר האט איהם געענטפערט: איהר מאן איז זעהר א גרויסער צדיק און אין איהם וועגדט זיך אלסדינג, ער קען אפילו איצטער קומען און אויך מיר עפים נוזר זיין וועל איך עס אויך מוזען מקיים זיין.

אין עטליכע מינוט ארום האבען מיר בעמערקט א פייערדיגע קאטש מיט פיל מלאכים. פון דער קאטש איז ארויסגעגאנגען א מענטש, דאס איז געוועזען די געפייניגטע פרוי'ס מאן, ער איז צוגעגאנגען צום שר זעהען וועמען ער פייניגט.

באלד האט זי דערקענט איהר מאן און האט איהם אנגעהויבען שטארק בעהטין אז ער זאל איהר מוחל זיין, און איהר ראטיוועו פון איהרע יסורים, און זי האט איהם איינגעקלאפט אז נאר צוליב איהר איז איהם היינט אזוי גוט, דען זי האט איהם געגעבין די מעגליכקייט צוזיצען און לערנען. ער האט אויף איהר רחמנות געקריגען און איהר מיט זייער זוהן אין קאטש ארייננעגומען און איז פערשוואונדען געווארען. מיר האבען געפרעגט דעם שר

וואו זיי זענען אוועק האָט ער אונז געענטפערט אַז זיי זענען אוועק אין גן עדן.

דער זיידע האָט צו מיר געזאָגט אַז ער נעמט מיך מיט אין גן עדן אַריין און איך בין דערפון געוועזען שטאַרק צופרידען.

צוקומענדיג צום גן עדן האָבען מיר בעגעגינט ווי אַ מלאך זאָגט צו די פרוים מאַן אַז נאָר איהם קען ער אין גן עדן אַריינלאָזען, אָבער זיין ווייב און זוהן נישט. דעם מאַן האָט דאָס פערדראָסען און איז געלאָפען פרעגין ביים בית דין של מעלה פאַרוואָס מען שטערט איהם אַריינצונעמען אין גן עדן זיין ווייב און זוהן און מען האָט איהם געענטפערט, אַז זי איז לגמרי נישט ווערט צוזיצען פאַר די טהיר פון גן עדן נאָר דערפאַר, וואָס דורך איהר האָט דער מאַן געקאָנט זיצען און לערנען, דערפאַר, וועט זי זיצען ביי די טהיר פון גן עדן. זעהענדיג דאָס איז ער צו זיין ווייב צוגעגאַנגען און דערצעהלט וואָס דאָס בית דין של מעלה האָט איהם געענטפערט.

זייענדיג אין גן עדן—האָט ר׳ יצחק חיות ווייטער דערצעהלט—האָב איך געהערט אַ קול שרייען „רוימט אוים אַן אָרט פאַר אַ גרויסען צדיק וואָס דאַרף באַלד אָנצוקומען”. איך בין געגאַנגען זעהען ווער דאָס איז און בעמערקט ווי מען פיהרט איהם מיט גרוים כבוד און אַלע שטעלין זיך-אויף פאַר איהם. ער הויבט-אָן זאָגען פיל טייערע חידושים אויף תורה און אַלע זענען דערפון שטאַרק צופרידען. פלוצלינג איז ער פון זיי אוועקגעגאַנגען, ווארום מען האָט איהם גערופען צום בית דין של מעלה.

דאָרטען האָט מען איהם געפרעגט צי ער האָט מקיים געוועזען די תורה, האָט ער געענטפערט אַז יאָ, און באַלד זענען פיל מלאכים געקומען עדות זאָגען דערויף. אַלע זענען געוועזען צופרידען פון דעם, וואָס ער האָט זיך ערוואָרבען פיל גוטע מלאכים צוליב זיינע מצות.

באַלד איז זיין גליק פערקעהרט געוואָרען אויף אַן אומגליק, דאָס איז געוועזען בעת מען האָט איהם געפרעגט צי ער איז געוועזען נזהר, נישט מוציא שם צו זיין לבטלה, און ער איז געבליבען שטעהן אַ ציטעריגער און נישט געענטפערט. פיל מלאכי חבלים זענען געקומען און אויסגעוויזען וויפיל מאָל ער האָט דערויף עובר געוועזען. דאָס בית דין של מעלה האָט זיך איינגעריסען די קליידער.

נאָכהער האָט מען צו איהם געזאָגט: דו רשע, דו טפה סרוחה, דיין משפט איז אָדער גהינם אָדער גלגול.

וואָס מיט מיר איז דעמאָלט פאָרגעקומען—האָט ר׳ יצחק חיות צו זיי געזאָגט—ווייס איך נישט, נאָר כ׳געדענק אַז איך האָב מיר מיינע קליידער צוריסען, און בין אויפגעקומען.

---

די תלמידי חכמים וואָס זענען געזעסען ביי זיין ערצעהלונג האָבען שטאַרק אָנגעהויבען צו וויינען אויף דעם וואָס דאָס דור איז היינט אַזוי זינדיג און קיינער, קיינער איז נישט געהיטען אַז בעת ער זאָגט אַרוים אַ שם אין זין צו האָבען די נויטיגע כוונות.

# לה.

## דער נסתר ר' יונה ז״ע

רבי מרדכי ז״ל האט געוואוינט אין א דארף נעבין פרזשיסחא. (ער איז געוועזען דעם רבין ר' לייב-שרה'ס א ברודער.) אינ'ם זעלבין דארף האט איהם זיין ווייב געבוירען א זוהן—יוסף. ער איז געוועזען זעהר א וואויל קינד און בעת מען האט איהם אוועקגעגעבען אין א חדר, האבען די מלמדים זיך געריסען איינער מיט'ן צווייטען און יעדער איינציגער האט געוואלט לערנען מיט יוסף'ן דעם רבינ'ס. אזוי ווי מ'האט איהם גערופען.

אין א צייט ארום, יוסף איז עלטער געווארען, ער איז שוין א בחור פון זעכצעהן יאהר און לערינט שוין פון לאנג נישט אין די חדרים ביי מלמדים. ער זיצט שוין היינט אין שטאדט'ס בית המדרש, לערינט מיט חשק און איז דער בעסטער בקי אין ש״ס ופוסקים אנטקעגין די אלע בחורים וואס זיצען אינ'ם זעלבין בית המדרש. מען האט שוין פאר איהם דרך ארץ און וואס ער זאל נישט זאגען ווערט עס באלד אויסגעפיהרט.

ויהי היום, בעת יוסף איז געזעסען און געלערינט צוזאמען מיט נאך א בחור, האט ער געבעהטין דעם בחור מען זאל פערמאכען דאס ספר, רען איהם האט זיך פערגלוסט צוגעהן אויפ'ן פרייען פעלד אויף שפאציר. דעם בחור איז די עטליכע ווערטער גוט געקראכען אין קאפ אריין „יוסף וויל, שבת ביי טאג אנשטאט לערנען געהן אויפ'ן פעלד שפאצירען” נאר ס'איז פערפאלין! מען מוז איהם פאלגין, און ער האט איהם טאקי געפאלגט.

אויפ'ן וועג בעמערקט דער בחור, ווי א מיידעל געהט אונטער זיי אין דעם זעלבען וועג וואס זיי. ער האט זיך שטארק דערשראקען און געוואלט דערפון מודיע זיין יוסף'ן, נאר יוסף האט איהם נישט געלאזט אנהייבען און צו איהם געזאגט: שטעה, דו, דא אויף דעם ארט עטליכע מינוט ביז וואנען איך וועל זיך צו דיר אומקעהרין. דער בחור האט נישט געאוספעיעט אווארט זיך איבערצופרעגין, און יוסף איז שוין ביי איהם נישט געשטאנען און איז פערשוואונדען געווארען. דער בחור האט נאר בעמערקט ווי דאס זעלבע מיי־דיל געהט אונטער איהם. און ביידע ווערין פון איהם פערשוואונדען.

אין א פירטעל שעה ארום איז יוסף צוריקגעקומען צו זיין חבר, און זיי האבען ביידע געווארט ביז וואנען דאס מיידיל, די זעלבע וואס איז אליין גע־גאנגען אונטער יוסף'ן איז פון זיי פערשוואונדען און נאכהער, זענען זיי אהיים געגאנגען.

דער בחור האט זיך גארנישט געקאנט פערגעסין פון דעם איבערגעלעבטין א גאנצע נאכט האבען זיינע געדאנקין נישט גערוהט און ער האט נאר געוואלט וויסען וואס פארע געשעפטין יוסף פיהרט מיט יענעם מיידיל. ערהאט גערעכינט אין דערפריה איהם דערפון צופרעגין, נאר ווי שרעקליך איז איהם געווארין ווען יוסף האט צו איהם אין דערפריה, געזאגט: קום לאמיר ווייטער געהן

שפאצירען אויף דעם נעכטיגען ארט. ער איז געגאנגען און האט געזעהען די זעלבע סצענע וואס אין פאריגען מאל. איהם איז געווארען זעהר שלעכט אזוי פיל אין זיך צו איבערטראגען, און ער האט בעשלאסען, יוסף'ן, דערפון גארנישט צו פרעגין און גלייך, אלעס צו דערצעהלין רבי מרדכי ז"ל, יוסף'ס פאטער.

אז ר' מרדכי ז"ל איז דערפון געוואויר געווארען האט ער דעם זוהן אריינגענומען אין א בעזונדער צימער און איהם געבעהטין דערצעהלין אלעס און גארנישט לייקענען. דער זוהן האט איהם דערצעהלט: וויסען זאלסטו, פאטער, אז אום שבת, בין איך טאקי געגאנגען מיט דעם מיידעל אונטער די שטאדט, צו אג'ארט וואס דארטין זענען געשטאנען, מיין און איהר זיידע, נאר אזוי ווי אום שבת קען מען דאך נישט מקבל קנין זיין זענען מיר היינט נאכאמאל אהינגעגאנגען, דארטען האבען מיר מקבל קנין געוועזען און אונזערע זיידעס האבען אונז געווינשען מזל טוב. אצונד—האט יוסף, ענדענדיג זיין ערצעהלינג, זיך געווענדעט צו זיין פאטער—ליבער פאטער, ווינטש דו מיר מזל טוב און זעה אנצוגרייטען אלעס וואס נויטיג איז צו אונזער חתונה, וועלכע וועט מיט מזל פארקומען.

דעם פאטער האט שטארק בעריהרט זיין זוהנ'ס רייד וויסענדיג, אז זיין זוהן איז נישט קיין אבי ווער האט ער פערשטאנען, אז דאס איז א הימל זאך און איז, אונ'ס זעלבין טאג געגאנגען זיך נאכפרעגין אויף זיין צוקונפטיגען מחותן. ער האט זיך דערוואוסט אז יענער הייסט יונה, ער איז א גרויסער ארימאן און אויסער אלעם, ציהט ער זיין חיונה פון דעם וואס ער פערמאגט א פערדיל און ער אליין איז א שטיקעל טרעגער אויך

עס איז איהם זעהר שלעכט געווארען אויפ'ן הארץ „מ'שטיינס געזאגט, יונה פוהרמאן וועט זיין מיין מחותן! אנשטאט וואס ער האט געקאנט בעקומען דעם שענסטין גביר וואס יענער וואלט איהם געגעבען אויף חתן מלבושים, וועט ער נאר דארפען געבין די כלה, אויף חופה מלבושים, און אפשר נאר די חתונה אויך צומאכען", מיט אזעלכע ביטערע און שלעכטע רעיונות איז ער אריבער געפאהרען צום רבין ר' אלימלך ז"ל און האט איהם אלסדינג דערצעהלט. דער רבי ר' אלימלך ז"ל האט איהם נעענטפערט: פאהר אהיים און מאך איה"ש תנאים, נאכהער א חתונה, דען א בעסערין שידוך ווי דער וועסטו אין ערגיץ ניט געפונען, די בריוכסט דאנקען גאט פאר די גרויסע זכייה וואס ער וועט וועלין זיך משדך זיין מיט דיר. דאס בעהט איך דיך—האט דער רבי ר' אלימלך ז"ל צו איהם ווייטער געזאגט—אז די תנאים זאלען זיין ביי מיר אין שטוב. זיי האבען זיך געזעגינט און ר' מרדכילע ז"ל איז אהיים געפאהרען.

אין דערהיים האט מען גענומען א שליח און אוועקגעשיקט צו זיין צוקונפטיגען מחותן. דער שליח איז צוריקגעקומען און געברענגט דעם אנטווארט: וויבאלד ר' מרדכילע וויל זיך מיט מיר משדך זיין, זאל ער מיר שיקען עטליכע רובל פאר מיין פערדיל, אויך זאל ער אנגרייטען שעהנע מלבושים פאר חתן כלה און זעהען צומאכין א בעל-הבתישע חתונה. ר' מרדכילע ז"ל האט פערשטאנען אז סאיז פערפאלען און ער וועט זיך גארנישט קענען העלפין, האט ער זיך צו-

אָנגעשטאַפּט די טייטיגע סומא און נאָכהער געשיקט אַ שליח נאָך די מחותנים און די תנאים זענען געוועזען ביים רבין ר׳ אלימלך ז״ל.

די חתונה איז געמאַכט געוואָרען אין בעשטימטען טערמין און אויך ביים רבין ר׳ אלימלך ז״ל אין שטוב. די כלה׳ס פאָטער איז געקומען אויף דער חתונה אין זיינע געמיינע מלבושים און אַרום די לענדען פערגומען מיט אַ שטריק. באַלד נאָך דער חופה איז ער פון דאָרטען אוועקגעפאָהרען צו זיך אין שטוב אריין.

צומאָרגינס נאָך דער חופה, איז געקומען אַ שליח פון דער כלה׳ס פאָטער און האָט געזאָגט אַז דער מחותן פערלאַנגט חתן כלה צו זיך אויף „שבע ברכות" און אויסער זיי, פערלאַנגט ער קיינעם נישט, אפילו דעם חתג׳ס פאָטער אויך נישט, און חתן כלה זענען טאַקי באַלד אהינגעפאָהרין

ר׳ מרדכי׳לע ז״ל האָט שטאַרק געבענקט זיך צו זעהען מיט זיין זוהן און דערצו, איז ער געוועזען טשיקאַווע צו וויסען וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען, איז ער אַריבער געפאָהרין צו זיין מחותן. איך בעהט אייך—האָט ר׳ מרדכי׳לע ז״ל געזאָגט צו זיין מחותן ר׳ יונה—וויבאַלד גאָט האָט מיר טאַקי געהאָלפען איך האָב די זכייה געהאַט מיט אייך זיך צו משדך זיין בעהט איך אייך אַז איהר מיט חתן כלה זאָלט צו מיר קומען אויף די לעצטע שבע ברכות וואָס איך וויל מאַכין ביי מיר אין דערהיים". דאָס, נעווים נישט!—האָט ר׳ יונה איהם אָפּגעענטפערט—צו אייך וויל איך נישט פאָהרין און דאַריבער, וועלין די לעצטע שבע ברכות פאַר־יִמען ביים רבין ר׳ אלימלך ז״ל.

זיי זענען טאַקי באַלד אַריבערגעפאָהרען צום רבין ר׳ אלימלך ז״ל און דאָרטען, האָבין זיי געפּראַוועט אַ שעהנע סעודה. ר׳ מרדכי׳לע ז״ל האָט דעם זוהן אוועקגערופען אין אַ זייט און איהם געבעטהין, אַז ער זאָל איהם דערציהלען וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען. ביי יעדער סעודה—האָט דער זוהן געענטפערט דעם פאָטער—איז געוועזען אַ פּנים חדשות, איינער פון די ל״ו צדיקים און סודות התורה האָט מען דאָרטען גערעדט, אַז ס׳איז, כמעט, אונמעגליך נאָכצוזאָגען, און די בעלער זענען געוועזען ווי ביים גרעסטין נגיד.

ר׳ מרדכי׳לע ז״ל האָט זיך גאָרנישט געקאָנט זאַט קוקען אויף זיין מחותן און איהם איז געוואָרען זעהר גוט אויפ׳ן האַרצען. אין מיטען דערין איז דער רבי ר׳ אלימלך ז״ל צו איהם צוגעגאַנגען און געזאָגט: מרדכי, געזעגען זיך מיט דעם מחותן און מיט חתן כלה, דען דו וועסט לאַנג דאַרפען וואַרטין ביז דו וועסט זיי אַ צווייט מאָל זעהען. ער האָט זיך מיט זיי געזעגינט, געקושט דעם חתן און איהם היים געבענטשט, און זיי זענען אַוועקגעפאָהרין פונ׳ם רבין ר׳ אלימלך ז״ל. ר׳ מרדכי׳לע ז״ל איז געפאָהרין צו זיין הויזגעזונד און יענער מחותן מיט חתן כלה זענען געפאָהרען אין אַ צווייטען וועג.

---

אין עטליכע וואָכען אַרום, האָט ר׳ מרדכי׳לע ז״ל געשיקט אַ שליח זעהען, צי יענער מחותן מיט זיין זוהן און שנור וואוינען אויפ׳ן זעלבין אָרט, און דער שליח האָט צוריק קומענדיג געענטפערט אַז זייער געביין איז אויף יענעם אָרט נישט פערהאַן.

ר׳ מרדכי׳לע ז״ל, האט ביז זיין פטירה, גישט געוואוסט וואו זיין זון געפינט זיך.

---

# לו.

## ר׳ שלום פון פראג ז״ע

דער רב פון פראג האט פאר זיין פטירה איבערגעלאזט א צואה, אז קיין אנדערער זאל ניט ווערין נאך איהם רב, ביז וואנען דער וואס וועט דער ערשטער אין שטאדט נאך זיין פטירה, קראנק ווערין וועט זאגען וועמען מען זאל פאר א רב אויפנעמען. ער איז נפטר געווארען, און די דאזיגע דאזיגע האבען אנגעזאגט די חברה ביקור חולים אז זיי זאלען צו וויסען טהוען דעם אדרעס, פון דעם מענטש וואס וועט קראנק ווערין דער ערשטער אין שטאדט.

נאך א חודש ציים, האבען די חברה ביקור חולים געגעבען א ידיעה די דאזיגע, אז א שניידער׳ל אן ארימער און א נארישער מיט׳ן נאמען שלום, איז דער ערשטער נאכ׳ן רב׳ס פטירה קראנק געווארען. זיי זענען באלד צו איהם שהיים געגאנגען, איהם פרעגין וועמין מען זאל מאכען פאר רב. ווי זענען דער שראקען געווארען זעהענדיג, אז דער שניידער איז א משוגענער, ענטפערט ניט צו דער זאך און מאכט פון זיי חוזק, און זיי זענען באלד פון איהם ארויסגעגאנגען טראכטענדיג, אז אויף געוויס, האט דער רב עליו השלום, איהם ניט געמיינט און דאס וואס ער האט געזאגט „דער ערשטער וואס וועט נאך מיין פטירה קראנק ווערין״ האט ער געמיינט אזעלכין, וואס וועט אויף איהם נגזר ווערין א מיתה בידי שמים אבער ניט ער, א משוגענער, וואס קען זיך אליין דעם טויט מאכען.

עס איז אריבער עטליכע טעג און צו די דאזיגע איז געקומען א שליח פון „שלום שניידער״ זיי בעהטין צו איהם צו קומען. זיי האבען אפילו ניט געוואלט געהן מיינענדיג, אז ער וויל מיט זיי א שפאס פירען, נאר די שטארקע בקשות פונ׳ם שליח האט זיי איבערדראשט און זיי זענען, נאכאמאל אריינגעקומען צו שלום שניידער אין שטוב אריין.

איהר זאלט אריבערפאהרין קיין אוסטרהא,—האט דער שניידער צו די דאזיגע געזאגט—און דעם דארטיגען רב זאלט איהר נעמען צו זיך פאר א רב, און גיבאלד ער וועט ניט וועלען מיט אייך פאהרין, זאלט איהר איהם זאגען אז איך שלום שניידער פון פראג, האב איהם געהייסען מיט אייך פאהרען. ער האט זיי איבערגעגעבען א סימן, דורכדעם וועט דער רב מוזען פאהרען מיט זיי. אין עטליכע מינוט ארום, איז ער, דער שניידער, געשטארבען.

די דאזיגע זענען באלד אוועקגעפאהרען קיין אוסטראה, און געוואוסט ווע־רענדיג דעם דארטיגען רב׳ס אדרעס, זענען זיי צו איהם אריינגעגאנגען. ניט צופריעדען מיט דעם שניידער׳ס ריד האבען זיי בעשלאסען פרובען אנ׳אנדער

מיטעל: ווײַבאַלד דער רב וועט נישט אײַנווילִיגען צו זײַער פערלאַנג, זאָלען זײ איהם צוזאָגען אַ גרויסע סומע געלד.

זײ האָבען דעם דאָרטיגען רב איבערגעגעבען וועגען וואָס זײ זענען צו איהם געקומען (נישט זאָגענדיג אַז דער שנײַדער האָט זײ געשיקט) און ער האָט זײ געענטפערט: איך וועל פון דאַנען נישט אָפּטרעטען, אַפילו איהר זאָלט מיך בעגליקען מיט דעם רײַכקײַט פון די גאַנצע וועלט! דאָ איז מײַן זײדע און מײַן פאָטער געוועזען רב ביז זײער פטירה און דאַריבער, וויל איך זיך, אַזוי ווי זײ פיהרען.

זעהענדיג אַז קײן געלד פועלט נישט, האָבען זײ געפּרובט, פאַר'ן שפּרינגען פאַל, איהם זאָגען אַז שלום שנײַדער האָט אַ צוואה איבערגעלאָזט אַז ער מוז מיט זײ פאָהרען קײן פּראָג, ווערען דאָרטיגער רב. נאָך איידער זײ האָבען געוואָלט זאָגען דעם סימן וואָס שלום שנײַדער האָט זײ בעזונדער איבערגעגעבען, האָט דער רב געענטפערט מיט שמחה: ווײַבאַלד דער הײליגער ר' שלום ז"ל האָט מיך געהײסען פערלאָזען אוסטראה, וועל איך ווערין אײַער רב.

דער רב האָט זיך געזעגענט מיט אַלע שטאָדט'ס לײַט, און אינאײַנעם מיט די דאָזאָרעס אַריבערגעפאָהרין קײן פּראָג, און איז דאָרטען געוואָרען רב.

פון דאַמאָלס אָן, איז די הצלחה אין פּראָג, פון טאָג צו טאָג געוואַקסען, און זײ האָבען פערשטאַנען אַז דאָס איז אין דעם זכות וואָס זײ האָבען געפאָלגט זײער אַלטען רב.

---

## אַ וואונדערליכע מעשה פון דעם גרויסען און הײליגען תנא ר' יהושע בן לוי ז"ל וואָס ער האָט געהאַט אַ ויכוח מיט דעם מלאך המות.

אונזערע חכמים האָבען געזאָגט: ריב"ל איז געוועזען אַ צדיק גמור, און ווען עס איז געקומען זײַן צײַט ער זאָל נפטר ווערען פון דער וועלט, האָט הקב"ה געזאָגט צום מלאך המות. טהו איהם צו ליב אַלעס וואָס ער וועט בעהטען בײַ דיר אײדער דו וועסט איהם צו נעהמען זײַן נשמה. ער איז געגאַנגען צו ריב"ל און האָט איהם געזאָגט: דו זאָלסט וויסען אַז עס איז געקומען דײַן צײַט נפטר צו ווערען פון דער וועלט. נאָר אײדער דו וועסט מיר אַוועק געבען דײַן נשמה, קאָנסטו דיר אויסבעטען בײַ מיר וואָס דו וועסט וועלען און איך וועל דיר אַלעס צוליב טוהן. ווי דער תנא ריב"ל האָט דאָס דער הערט! האָט ער געזאָגט צום מלאך המות: איך פערלאַנג פון דיר. זאָלסט מיר ווײַזען מײַן אָרט אין גן עדן; האָט איהם דער מלאך המות געענטפערט: קום מיט מיר וועל איך דיר ווײַזען דײַן אָרט. גײענדיג האָט ריב"ל געזאָגט צו איהם: גיב מיר דײַן שווערד. אום דו זאָלסט מיך נישט איבער שרעקען, ער האָט איהם באַלד געגעבען, און זײ זענען ווײטער געגאַנגען ביז זײ זענען געקומען צו דער וואַנד פון גן עדן, דער מלאך המות האָט גענומען ריב"ל און האָט איהם אַנידער געלײגט אויף דער מויער פון גן עדן. און האָט צו איהם געזאָגט. זעה דײַן אָרט אין גן עדן. ר' יהושע בן לוי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער מויער און איז אַרײַן געפאַלען אין גן עדן, האָט

איהם דער מלאך המות אָנגעחאַפּט בייַ דעם מאַנטעל און האָט געזאָגט נעה אַרויס פון דאָרטען, ר׳ יהושע בן לוי האָט געשוואוירען בייַ דעם שם הקדוש אַז ער וועט נישט אַרויסגייַן פון דאָרט, דער מלאך המות האָט וויַיטער נישט געהאַט קייַן רשות אַרייַן צו גייַן. האָבען די מלאכי השרת געזאָגט פאַר הקב״ה רבונו של עולם. זעה וואָס עס האָט געטהון בן לוי מיט געוואַלד האָט ער גענומען זייַן חלק אין גן עדן, האָט דער רבונו של עולם זיי געענטפערט. גייט און זייט איהם בודק. אויב ער האָט געשוואוירען פאַר דעם און ער האָט זיך מתיר גע־וועזען די שבועה. וועט ער יעצט אויך מוזען מתיר זייַן. האָבען די מלאכי השרת נאָך געזוכט און האָבען געפונען אַז זייַן גאַנץ לעבען האָט ער נישט עובר גע־וועזען אויף זייַן שבועה. האָט הקב״ה צו זיי געזאָגט אויב עס איז יאָ אַזוי. זאָל ער שוין בלייַבען אין גן עדן, ווי דער מלאך המות האָט געזעהן אַז ער קאָן איהם נישט אַרויסציהען פון דאָרט. האָט ער געזאָגט צו ר׳ יהושע בן לוי גיב מיר אָפּ מייַן שווערד, האָט ער איהם נישט געוואָלט אָפּ געבען ביז עס איז אַרויסגעגאַנגען אַ בת קול און עס האָט געזאָגט גיב איהם אָפּ דאָס מעסער וואָס ער דאַרף צו מענשען. האָט ר׳ יהושע בן לוי געזאָגט צום מלאך המות שווער מיר צו אַז זאָלסט דאָס מעסער נישט ווייַזען קייַן מענשען און דער צייַט וואָס וועסט צו נעהמען די נשמה פון מענש, וואָרום פאַר דעם, פלעגט דער מלאך המות שעכטען דעם מענש פאַר יעדען ווי אַ בהמה. און אפילו אַ קינד אין דער שוים פון דער מוטער.

אין דער זעלבער צייַט האָט איהם דער מלאך המות צו געשוואוירען. דעמאָלט האָט ר׳ יהושע בן לוי הערשט אָפּ געגעבען. אין דער זעלבער צייַט האָט אליהו הנביא ז״ל אָנגעהויבען אויסרופען פאַר ר׳ יהושע בן לוי און האָט געזאָגט צו די צדיקים, מאַכט אייַן אָרט פאַר בר ליואי, איז ער געגאַנגען און האָט געטראָפען ר׳ שמעון בן יוחאי וואָס איז געזעסען איבער דער געסט פון די צדיקים. האָט איהם ר׳ שמעון בן יוחאי געפרעגט דו ביסט דאָס דער בר ליואי. האָט ער איהם געענטפערט יאָ. האָט ער איהם ווייַטער געפרעגט האָסט געזעהען דעם רעגען בויגען אין דייַנע צייַטען. האָט ער איהם געענטפערט יאָ. האָט איהם ר׳ שמעון בן יוחאי געזאָגט אויב אַזוי ביסטו נישט דער בר ליואי, עס איז זיכער נישט געוועזען אמת וואָרום אין ר׳ יהושע בן לוי׳ס צייַטען איז מאַקי נישט געוויזען געוואָרען דער קשת, און פאַר וואָס זשע האָט ער איהם געזאָגט אַז עס איז יאָ געוויזען געוואָרען. בכדי ער זאָל זיך נישט האַלטען גרויס. און וואָס האָט איהם ר׳ שמעון בן יוחאי גראַדע געפרעגט וועגען רעגען בויגען. ווייַל דער קשת איז דאָך אַ צייכען פון הקב״ה. און יעדער צייַט וואָס עס בעווייַזט זיך דער קשת איז הקב״ה זיך מרחם אויף זייַן וועלט. און כל זמן עס איז דאָ אַ צדיק אויף דער וועלט. דאַרף מען נישט האָבען דעם רעגען בויגען. וואָרום דורך אייַן צדיק שטייַט די וועלט, ווי עס שטייַט! וצדיק יסוד עולם. איבער דעם האָט ער איהם געפרעגט. אויף דעם קשת. איז וויַיטער געגאַנגען דער מלאך המות צו רבן גמליאל און האָט איהם געזאָגט אַזוי האָט מיר געטהון ר׳ יהושע בן לוי, האָט איהם רבן גמליאל געענטפערט ער האָט דיר גוט געטהון. גאָר קום וועל איך דיך שוקען צו איהם און זאָג איהם, איך

און זאָגט צו איהם שווייַג ווארום דער סוף איז שוין נאָהנט און די אבות
הקדושים, און די שבטים, און משה מיט אהרן דוד ושלמה און אלע מלכים
פון די ישראל און פון בית דוד קומען אלע מאָנטיג און דאָנערשטיג און שבת
ויו"ט, צו משיח און וויינען און האלטען איהם און זאָגען צו איהם שווייַג לעגן
דיך אָהן אָן דיין באשעפער ווארום דער קץ, איז קרוב. און קרח מיט זיין עדה
און דתן ואבירם. ואבשלום. קומען צום משיח אלע מיטוואָך. און פרעגין משיח
ווען וועט שוין זיין דער ווינדערליכער קץ און ווען וועסטו שוין אונז צוריק
קערין פון תהום. ענטפערט ער זיי געהט צו אייערע עלטערין און פרעגט
זיי, און ווי זיי דערהערין דאָס ווערין זיי פארשעמט און ווילען שוין
ניט פרעגין די אבות הקדושים. און ווי איך בין געקומען צו משיח. האָט ער
מיך גיפרעגט וואָס טהוען די יודען אויף דער וועלט וואָס ביסט געקומען פון
דאָרט. האָב איך איהם געענטפערט זיי האָפען אויף די אלע טעג. האָט באלד
משיח אָנגעהויבען שטארק צו וויינען. און דעם זעקסטין הויז זיצען אזעלכע
מתים וואָס זענען געשטאָרבען בשעת זיי האָבען געטהוען א מצוה. אָדער זיי
האָבען זיך מפקיר גיוועזן אויף קידוש השם. און דעם זיבטען הויז זיצען אלער-
ליי שלאַפּע דורך די זינד פון די יודען. און נאָך האָט ר' יהושע בן לוי גע-
זאָגט איך האָב גיוואָלט אויסמעסטין דאָס גהינם און זאָל עס אָהן קוקען, האָט
מען מיך ניט געלאָזט בוויַיל צדיקים טאָרען ניט אָהן קוקען דאָס גהינם.
האָב איך געשיקט נאָך דעם מלאך וואָס הייסט : קומם! ער זאָל מיר אויס-
שרייַבען אינגאנצען דאָס גהינום. האָט ער ניט געקאָנט. בעווייל און דער
זעלבער צייט האָט מען געהארגעט ר' ישמעאל כהן גדול און רבן שמעון בן
גמליאל. און די צעהן צדיקים און עס איז אָנגעקומען די בשורה, האָב איך
שוין ווייטער ניט געקאָנט געהן מיט דעם מלאך. אייַנמאָל. בין איך גע-
גאַנגען מיט דעם מלאך : קנור! און מיט מיר איז מיט געגאַנגען די ליכט ביז
כ'בין געקומען צו די טויערין פון גהינם. די טויערין זענען געוועזן אָפען, און
די רשעים האָבען דערזעהן די ליכט האָבען זיי זיך געפרייט און האָבען גע-
זאָגט איינער צום אַנדערין. די ליכט וועט אונז ארויס ציהען פון דאנען. און
איך האָב גיזעהן הייַזער וואָס זייער לענג איז צוואַנציג מייל. און די ברייט
פינף מייל, זענען אָפען, און שורות פייער פערברענען די רשעים. און! זיי
שטייען אויף פון פייער און פאלען ווייטער אַרייַן אין פייער און ווערין פארברענט,
אויך איז דאָ אין דעם הויז צעהן פעלקער פון די אומות העולם, און אבשלום
דער זוהן פון דוד, איז דער ממונה איבער זיי און די אומות העולם זאָגען
איינע צו דער אַנדערער, אויב מיר האָבען געזונדיגט בעווייל מיר האָבען
ניט מקבל געוועזן די תורה, אָבער וואָס האָבען די יודען געזונדיגט. ענטפערט
מען זיי אז די רשעים זענען אויך ניט בעסער גיוועזן פון זיי, פרעגין זיי
ווייטער צו אבשלום די מיט דיינע עלטערין האָט איהם דאָך יוא אָפגעהיטען
די תורה פאַר וואָס ווערסטו אַזוי געשטראָפט ענטפערט ער זיי בעוויַיל איך
האָב ניט געוואָלט פאָלגין מיין פאָטער, און די מלאכים שטייען מיט זייערע
שטעקינס, און נעמען זיי אויף דעם פייער. און זיי ווערין אַלע פאַרברענט.
און דער נאָך לויפען זיי צו אבשלום, און ווילען איהם שלאָגען און איהם

בּעהט פֿון דיר זאָלסט אױס זוכען אין גן עדן אױך אין גהינם אין זײַערע אוצרות, און זאָלסט זײַ אױסשרײַבען. און זאָלסט מיר שיקען, אױב עס איז פֿערהאַן אַזעלכע װאָס דינען עבודה זרה אין גהינם, איז דער מלאך געגאַנגען צו ר׳ יהושע בּן לוי און האָט איהם איבּערגעגעבען די רײד פֿון רבּן גמליאל, איז בּאַלד ר׳ יהושע בּן לוי געגאַנגען אין גן עדן און האָט אױסגעזוכט און געפֿונען זיבּען הײַזער אין גן עדן און יעדער הױז איז צװעלף מאָהל צעהן טױזענד מײַל די לענג און אױף אַזױ פֿיעל די בּרײט, אין דעם ערשטין הױז װאָס איז אַנטקעגין דעם טיער פֿון גן עדן זיצען אַלע גרים פֿון די יורען, װאָס האָבען זיך מגייר געװען פֿון זיך אַלײן. ניט װאָס מען האָט זײַ גענײט. די װענט פֿון דעם הױז זענען פֿון גלאָז, און װי איך האָב געװאָלט אױסמעסטין, זענען אַלע גרים אױפֿגעשטאַנען און האָבען נעװאָלט װערין, האָט זײַ געװעגטפֿערט עובדיה הצדיק װאָס ער איז געזעצט איבּער זײַ, זײַן זכות איז זײַער גרױס איהר מעגט איהם לאָזין אױסמעסטין. דאָס צװײַטע הױז װאָס איז קעגין דער צװײַטער טיער פֿון גן עדן איז געבּױט פֿון זילבּער און די װענט זענען פֿון טענען האָלץ, דאָרטען זיצען בּעלי תשובה און מנשה בּן חזקיהו איז געזעצט איבּער זײַ, דאָס דריטע הױז אַקעגין דער דריטער טיער פֿון גן עדן איז געבּױעט פֿון זילבּער מיט גאָלד דאָרטען ליגען. די אבות הקדושים אברהם יצחק ויעקב און אַלע יודען װאָס זענען אַרױס געגאַנגען פֿון מצרים און דאָס גאַנצע דור המדבּר און דוד ושלמה. און אַלע דוד המלך׳ס זוהן אַחוץ פֿון אבשלום. אױך זענען דאָרטען דאָס גאַנצע מלכות בּית יהודא אױסער מנשה בּן חזקיהו װאָרום ער איז ממונה איבּער אַלע בּעלי תשובה, װי אױבען שטײט און משה מיט אהרן זענען ממונה איבּער זײַ און דאָרטען איז דאָ אַלערלײַ זילבּערנע מיט גאָלדענע כּלים. מיט שעהנע מנורות מיט גיטען בּױמאײל. האָב איך גיפֿרעגט פֿאַר װעמין דאָס איז אָנגעגרײַט. האָט מיר דוד המלך געענטפֿערט. אַז דאָס איז פֿאַר אַלע װאָס זענען אױף דער װעלט װאָס די בּזט געקומען פֿון דאָרט האָב איך גיפֿרעגט טאָמער איז דאָס פֿאַר די אומות העולם אױך, האָט מיר דוד המלך גיזאָגט, ניט אַזױ, דען דאָס גוטס װאָס די אומות העולם טהוען אױף דער װעלט בּאַצאָלט זײַ הקבּ״ה בּאַלד זײַער שכר, און צום סוף ירשינען זײַ דאָס גהינם. אָבּער בּײַ די יהדען איז אַנדערש יעדער רשע פֿון זײַ, װערט געשטראָפֿט אױף דער װעלט בּכדי ער זאָל קומען רײַן אױף יענער װעלט. דאָס פֿונפֿטע הױז אַקעגין דער פֿינפֿטער טיער פֿון גן עדן איז אַזױ גיבּױט װי דאָס ערשטע חדר, און די װענט זענען פֿון עצי זית! און איהם זענען צדיקים און פֿאַר־װאָס איז עס גראַדע פֿון עצי זית בּעװײַל זײַער לעבּין איז זײַ גיװעזען בּיטער װי אײַלבּירטען. דאָס פֿינפֿטע הױז איז פֿון זילבּער און גאָלד און ניגגאָלד און אַלערלײַ דימאַנטין מיט טײַערע שטײַנער און איהם ציהט זיך דער טײַך גיחון! און עס איז דאָ אין איהם אַלערלײַ בּלומען מיט בּשמים און עס געפֿינט זיך און איהם גילדענע מיט זילבּערנע בּעטלעך, אין דעם פֿינפֿטען חדר רוהט משיח בּן דוד. און אליהו הנביא ז״ל און דער משיח בּן דוד געפֿונט זיך אונטער אַ חופּה װאָס איז געשטריקט פֿון אַלערלײַ זײַדינס מיט פּערפּעל װאָל, און אליהו ז״ל נעמט דעם קאָפּ פֿון משיח און לײַגט איהם צו זיך אין שױס.

געלערנט. זיין עסען איז געווען — ביטערע קרייטעכצער, דען ער האט גע־וואלט מקיים זיין דעם פסוק פון דער תורה „וקוץ ודרדר וכו׳״. איינמאל האט ער בעמערקט ווי צוויי קרויען (אועלכע פויגלען) שטיפען מיט די פעדערען, וואס דאס האט בעדייט אז זיי פארערען עפעס פון איהם. ער האט צו זיי א געשריי געטהון: רשעים, ווען איהר וועט געווען אויף דער וועלט (עולם הגשמי) האט איהר געוואלט אויסרייסען א גאנצע אומה, איצטער אז אייך איז שלעכט און מען בעצאהלט אייך פאר אייערע ביטערע מעשים, קומט איהר צו מיר אז איך זאל אייך ארויסהעלפען, ניין, געהט צוריק אוועק. — די תלמידים האבען איהם געבעטען, אז ער זאל זיי ערקלערען וואס ער מיינט דערמיט, האט ער גע־זאגט: דאס זענען זיי, בלק און בלעם וואס האבען געוואלט אומבערענגען אנ׳־אומה יודען, און איצטער, ווען מען שיקט זיי איבער אין א שווערער גהינם אריין, קומען זיי צו מיר נאך הילף, און דעריבער האב איך זיי אבגעשטויסען.

אויפ׳ן צווייטען טאג האט דער רבי געזאגט צו זיינע תלמידים: איך זעה ווי צוויי שידות וואס זענען שעהן געציירט חאפען אין זייער נעץ צוויי בחורים וואס איך וואלט זיי געקאנט מציל זיין, נאר וויל זיי זענען שטענדיג בעשעפ־טיגט מיט כשוף וועל איך זיי נישט ארויסהעלפען, און זאלען זיי נעשטראפעלט ווערען, דען עס שטייט בפירוש „הבא ליטמא פותחין לו״ (פאר דעם זינדיגער איז פריי די צוים) די תלמידים האבען געמאכט א חקירה וועגען דעם און הא־בען אלעס געפונען ריכטיג ווי ער האט געזאגט.

אויפ׳ן דריטען טאג האבען די תלמידים בעמערקט ווי אין מיטען לערנען שרייט דער רבי „ש׳ו׳ת׳ק׳י״ און נאכהער „ב״ר׳ו׳ך ה׳א׳מ׳ת״, דאס איז ביי זיי פארגעקומען זעהר שרעקליך און זיי האבען איהם (דעם רבי׳ן) געבעטען אז ער זאל זיי זאגען וואס ער האט מיט יענע רייד געמיינט, הערט אוים — האט ער צו זיי געזאגט — וואס איך וועל אייך דערצעהלען, און ער האט זיי אזוי דער־צעהלט: אין הימעל איז פריהער בעשטימט געווארען א גזירה רעה אויף דער שטאדט צפת, וואס דורך איהר קען די גאנצע שטאדט חרוב ווערען, אזוי ווי אין די שטאדט צפת איז פערהאן איינער אנ׳ארימאן מיט׳ן נאמען „ר״י אלטא״אז״, וואס זיצט און איז מתרעם אויפ׳ן איבערשטינס מעשים, און דאס איז צוליעב די שולד פון די שטאדט׳ס לייט, וואס זעהען נישט דעם ארימאן ארויסצוהעלפען מיט עפעס געלד אז ער זאל זיין נשמה דערהאלטען, אלזא, האט מען אינ׳ם הימעל בעפוילען א מחנה הימשעריקען זיי זאלען זיך אלאזטהון אויף גאנץ צפת. נאר וויבאלד איהר ווילט זיי מציל זיין, טראגט א הין דעם יוד א נדבה, וועט ער בעטען מ׳זאל מבטל מאכען די גזירה. זיי האבען צוזא־מענגענומען פינף רענדליך און געגאנגען קיין צפת. דארטען זענען זיי געוואדור־געווארען צוליעב וואס דער ארימאן איז מתרעם: דער ארימאן האט זיין איי־גענס געהאט עטליכע פאטעניצעס צום אנשעפען וואסער, זיי זענען איהם צו־בראכען געווארען, קיין געלד צופערעכטען האט ער נישט געהאט די שטאדט׳ס־לייט העלפען איהם נישט, און ער געהט אוים פאר הונגער מיט זיין הויזגע־זונד. זיי זענען אריין צום ארימאן אין שטוב, און זיי האבען איהם געטראפען ליגען און וויינען אויף דער ערד. זיי האבען איהם געגעבען די פינף רענדליך־

און איהם געהייסען בעטען אויף די שטאדט צפת. ער האט זיך ווידער אנידערגעלייגט אויף דר'ערד און געבעטען ביים רבונו של עולם, רחמים אויף די שטאדט צפת. זיי זענען פון איהם אוועקגעגאנגען, צו זייער רבי'ן לערנען. אין מיטען לערנען האבען זיי בעמערקט ווי עס ווערט טונקעל און א מחנה היישעריקען שוועבען אין דער לופטען, זיי האבען אנגעהויבען שרעקען און דער רבי האט זיי בערוהיגט. אין א האלבע שעה ארום האט א שטורם-ווינד פערטריבען די היישעריקען און די וועלט האט בעקומען דעם פריהעריגען אויסזעהט. דער רבי האט געבענשט די שלוחים דערפאר, וואס דורך זיי איז א הויזגעזונד געראטעוועטגעווארען אויף שטענדיג, ווייל די שטאדטסלייט האבען דעם וואסערטרעגער געהיטען ווי דעם שווארצאפעל פון אויג, און ווידער, וואס די שטאדט צפת איז געראטעוועטגעווארען פון די מחנה היישעריקען.

אויפ'ן פירטען טאג האט דער רבי געהייסען זיינע תלמידים זיך גוט איבערחזר'ן אנ'ענין אין זוהר, כדי ווען מען וועט עס לערנען זאל עס זיי גרינג אנקומען צופארשטעהן. זיי האבען אזוי געטהון, און יעדער איינציגער האט בעזונדער, גוט זיך איינגעחזר'ט דאס ענין אין זוהר. נאכהער אז זיי זענען שוין געוועזען פערטיג, האט איינער דעם צווייטען געפרובט און האט איינגעפונען, אז ביי זיי אלע איז איין און דער זעלבער טייטש. זיי זענען דערפון שטארק נתפעל געווארען, און האבען געמיינט אז דער רבי האט אויס זיי געמאכט דאס געלעכטער. אין עטליכע שעה ארום, איז דער רבי צוגעגאנגען און האט זיי געפרעגט צו זיי זענען שוין פערטיג, האבען זיי געענטפערט, אז עס איז זיי גאנץ גרינג אנגעקומען, און עס חידושט זיי פארוואס דער רבי האט זיי אין אזא קלייניגקייט געהייסען אזוי שטארק מעיין זיין. דער רבי האט א שמייכעל געטהון און געהייסען דעם ערשטען זאגען, זיינע חרושים אויף דעם בלעטעל זוהר וואס ער האט זיי אויפגעגעבען. ווי ערשטוינט זענען זיי געווארען זעהענדיג, אז זייערע פשטים זענען לגמרי פאלש און זיי וועלען ברויכען שוועהר צו ארבייטען איידער זיי וועלען חאפען דעם תמצית סוד פון דעם ענין, און איינער מיט דעם צווייטען האבען זיך איבערגעקוקט מיט אויגען פיעל פין בושה און חרפה. זיי האבען דערקענט אז דעם רבינ'ס פשט איז דער ריכטיגער דערין, וואס בעת זיי האבען אנגעהויבען זאגען זייער פשט זענען געקומען צולויפען פויגלען און האבען זיי געשטערט, דאגעגען, ווען דער רבי האט זיי ערקלערט דעם אמת'ן פשט זענען די פויגלען גיך אנטלאפען.

אויפ'ן פינפטען טאג איז דער רבי, ווי זיין שטייגער פון תמיד איז, אנטשלאפען געווארען נאכ'ן מיטאג. אין מיטען שלאף האט ער ארויסגערעדט עטליכע ווערטער, און רבי יחזקאל איז צוגעלאפען צו זיין בעט הערען, וואס דער רבי רעדט דארטען. פלוצלינג איז דער רבי אויפגעקומען פון זיין שלאף און בעמערקענדיג ר' יחזקאל'ן שטעהן נעבען איהם, האט ער זיך געפרעגט וואס ער פערלאנגט. ר' יחזקאל האט געענטפערט אז ער האט געוואלט הערען וואס דער רבי רעדט אין שלאף. דער רבי האט א שמייכעל געטהון און האט געענטפערט: ווען איהר זאלט וויסען וואס מיין נשמה האט געלטען ביינאכט מקבל געוועזן אינ'ם הימעל וואלט אייך וואויל געוועזען, און איך נעהם

פאר ערות הימעל און ערד אז, אויב ל'וועל אבזיצען אלציג יאהר, וועל איך אויך נישט קענען דערציילען קיין מיעוט פון דעם וואס מיר איז אינ'ם הימעל אויסגעקומען צו מקבל זיין. האבען זיי איהם געפרעגט פארוואס ער מאכט נישט קיין חיבור, האט ער געענטפערט: ראן, ווען איך עפען מיין מויל צו זאגען דרוש, ווערט עס ביי מיר פערפלאנטערט אין א גאנצע קייט פון הויכע סודות און דרושים, און דאס וואלט פערפלייצט די וועלט, דעריבער קען איך נישט שרייבען קיין ספר, נאר איך ערלויב צו ר' חיים וויטאל ז"ל אז ער זאל שרייבען וואס ער וועט הערען פון מיר, קיין אנדערען ערלויב איך עס נישט. דער רבי האט אנגעהויבען זאגען און ר' חיים וויטאל ז"ל האט אנגעהויבען שרייבען. פון דער ווייטענס, נישט בעמערקענדיג פון קיינעם, האט ר' משה משולם ז"ל אויך געשריבען, געגען דעם פערזאג פון זיין רבי'ן.

איינמאל האט מען צו קריאת התורה אויפגרופען ר' משה משולם, דאמאלס האט מען גראד געליינט די פרשה וואס דארטען שטעהט דער פסוק „ויכתוב משה וכו'" נאכ'ן לייענען, האט ר' משה משולם ז"ל געוואלט א קוש טהון דעם רבי'ן אין דער האנד און מיט איהם זיך געזעגענען, נאר דער רבי האט איהם שטרענג א זאג געטהוען: פון דעם לייענען איז א ראיה אז דו האסט געשריבען (ויכתוב משה, משה האט געשריבען) געגען מיין ווילען. ר' משה משולם ז"ל האט זיך דערין מודה געוועזען און איז שטארק פערשעמט געווארען.

אויפ'ן זעקסטען טאג איז ר' שמואל איזוד' (איינער פון זיינע תלמידים) געקומען צום רבי'ן, דער רבי האט איהם פיעל כבוד אבגעגעבען, און איהם אריינגענומען אין א בעזונדער צימער. ווען יענער איז ארויסגעגאנגען האט ר' חיים וויטאל ז"ל געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס ער האט מיט איהם אזוי פיעל כבוד געטהוען, האט ער געענטפערט: דעם כבוד האב איך איהם געגעבען צוליעב ר' פנחס בן יאיר וואס איז אינאיינעם מיט איהם צו מיר געקומען. צוליעב א זעלטענע מצוה האט ער זוכה געוועזען אז ר' פנחס בן יאיר זאל מיט איהם געהן, האט דער רבי אויסגעלאזט זיינע רייד.

ר' חיים וויטאל ז"ל איז באלד אנטקעגען געלאפען ר' שמואל איזוד' און האט איהם בעשוואוירען אז ער זאל איהם דערציילען, וואס פאר א מצוה ער האט געטהוען, און ר' שמואל האט דערצעהלט: הייינט אין דערפריה איז געוועזען מיין משמר צו זיין אין שטאדט בית המדרש דער ערשטער און אלטונג צו געבען, פלוצלינג הער איך א קול שרייט: „גוואלד גנבים האבען אונז בערויבט, צוגענומען אונזער אנטועכ'ן און אונז געלאזט שטעהן נאקיט" בין איך ארויס פון בית המדרש, האב אויסגעטהוען מיינע מלבושים, און האב זיי אוועקגעגעבען צו די בערויבטע און אליין האב איך אנגעטהון אנדערע מלבושים פון מיין שטוב. א ראיה האסטו אין דעם, וואס איך טראג איצטער מיינע שבת'דיגע מלבושים. ר' חיים וויטאל ז"ל האט איהם הערצליך געקושט אין זיין פנים און איהם געבענטשט.

אויפ'ן זיבעטען טאג האט דער רבי שטרענג בעפוילען איינעם פון זיינע תלמידים, אז ער זאל זיך אפשיידען פון דער חבריתא און ארום געהן אין גאס, דאס הייסט: ער זאל ליגען אין חרם. אז דער רבי האט געהייסען איז געוועזו

ריכטיג און—פערפאלען. דער תלמיד איז מיט אצו וועהטיגט הארץ ארויס אין דרויסען און דארטען געזעסען און געוויינט אגאנצען טאג. צומארגענס איז ער געקומען צום רבי'ן, האט געוויינט און געבעטען איהם צו ענטפערען פארוואס איהם איז געקומען צו לייגען אין חרם אריין. דער רבי האט איהם געענטפערט: דערפאר וואס דיינע היהנער דרעהען זיך ארום שוין דעם דריטען טאג אהן דאס מינדסטע עסענוואַרג, האב איך אויף דיר אזוי גוזר געוועזען, ווארום דאס געוויין פון די הונגעריגע היהנער איז דערהערט געווארען אינ'ם הימעל, ער האט צוגע-זאגט נאכאמאל אזא אכזריות נישט צו בעווייזען און דער רבי האט איהם מוחל געוועזען.

---

## ד.

## הויכע הימלישע נביאות פון דעם גרויסען, הייליגען און געטליכען מאן ר' חיים וויטאל ז"ל ווי דער ר"י הקדוש האט איהם געשיקט אויף דעם קבר פון אביי ורבא זכי"ע.

איינמאל האט דער רבי איבערגעגעבען א„יחוד" צו איינעם פון זיינע תלמידים וואס מיט די הילף פון דעם יחוד וועט ער קענען בעגרייפען פערשידענע סודות פון די צדיקים וואס ער האט איהם געשיקט צו זיי, בתנאי, אז געהענדיג אויפ'ן וועג זאל ער צו קיינעם נישט רעדען און טאמער רעדט ווער צו איהם, זאל ער נישט ענטפערען. דער תלמיד איז ארום געגאנגען צו עטליכע צדיקים, האט מיט זיי געמאכט דעם „יחוד" נאר קיינער האט איהם נישט מגלה געוועזען קיין נייעס. ער איז אהיים געקומען צום רבי'ן, און גארנישט געבראכט קיין נייעס, דאן האט דער רבי צו איהם געזאגט: פארוואס האסטו נישט געהיטען מיינע רייד? און דער רבי האט איהם אויסגעוויזען דאס ארט וואס ער האט מיט עמיצען פערלעגט א שמועס, און ער האט זיך מודה געוועזען.

אמאל האט דער רבי מוסר געוועזען א יחוד צו ר' חיים וויטאל ז"ל און איהם געשיקט אויפ'ן קבר פון אביי מיט רבא. ווען ר' חיים וויטאל ז"ל איז צו-ריק געקומען פון זייערע קברים, האט זיך דער רבי מיט אנ'אימפעט א שטעל אויף געטהוען און געשטאנען גלייך זיך נישט א קער געטהוען אויף אנ'אנדער זייט. ר' חיים וויטאל ז"ל האט איהם געפרעגט ווען ער האט דעם כבוד אנגעטהוען, האט ער געענטפערט אז דאס האט ער געמיינט „בניהו דער זוהן פון יהוידע" וואס ער איז מיט איהם מיטגעגאנגען. רבי—האט ר' חיים וויטאל ז"ל איהם גע-פרעגט—ווי קומט דאס אז „בניהו בן יהוידע" זאל מיט מיר געהן, איך בין דאך ביי זיין קבר נישט געוועזען, נאר אביי אדער רבא האבען דאך געברויכט צו געהן? דער רבי האט איהם געענטפערט: מיט דעם יחוד האסטו בעת'ן צוריק געהן אנ-גערירט אין דעם שורש פון בניהו בן יהוידע'ס נשמה, און דאריבער איז ער מיט דיר געגאנגען. אין עטליכע טעג ארום איז דער רבי מיט זיינע תלמידים א דורכ-

נענאנגען דעם וועג קיין „איבנית” און האט אנגעוויזען ר׳ חיים וויטאל ז״ל דעם וועג וואס ער איז צוריקגעגאנגען פון אביי און רבא׳ס קברים, וואס דורך דעם האט ער אנגעריהרט דעם שורש פון בניהו בן יהוידע, און ר׳ חיים וויטאל ז״ל האט זיך מודה געווען.

ויהי היום, האט ר׳ חיים וויטאל ז״ל שטארק חשק געהאט צו דערגעהן די חכמה צוטרעפען אויף די צייכענס פון מענטש׳ס האנד, וואס מיט דעם מענטש האט און וועט פאסירען, דאס ווערט אנגערופען „חכמת היד”. זיין רבי האט דאס גאנץ גוט געוויסט און שוין עטליכע מאל האט ער איהם געבעטען אז ער זאל איהם דאס לערנען, נאר ער האט דאס איהם נישט געוואלט צוליב טהוען. אזוי ווי ער קלערט אזוי (דאס איז געווען אסתר תענית בייטאג) בעמערקט ער ווי די אלמנה וואס וואוינט אנטקעגען איהם נעהט אויף דער גאס. ער האט איהר צוגערופען, איהר געגעבען צוויי גילדען און האט צו איהר געזאגט: דאס געלד גיב איך דיר פאר דיין טרחה, און איך פערלאנג פון דיר אז מארגען זאלסטו מיט דיין דערוואקסענע טאכטער אריין געהן צו מיין רבי׳ן בעהטען א נרבה, און ווי באלד ער וועט זאגען צו איינעם פון זיינע תלמידים אז ער זאל דיר געבען דיין פערלאנג, זאלסטו ענטפערען: קיין געלד וויל איך נישט, נאר איך וויל אז דער רבי זאל בעמערקען די צייכענס פון מיין טאכטער און מיר זאגען וואס ערווארט איהר. דערמיט האט ר׳ חיים וויטאל געמיינט זיך צו אויסלערנען חכמת היד, ווייל ער וועט דאך זעהען ווי אזוי דער רבי דערגייט דאס, נאר עס איז איהם די שפעקולאציע נישט געראטען.

אויף צומארגענס, פורים בייטאג ווען דער רבי האט מיט די תלמידים געלערענט, איז אריין געקומען די אלמנה מיט איהר טאכטער און זיך געשטעלט אויף אזא ארט וואס דער רבי זאל איהר בעמערקען, דען אנדערש וואלט זי געקאנט דארטען אפשטעהן א גאנצען טאג נישט בעמערקטערהייד פון קיינעם דער רבי האט איהר געפרעגט וואס זי פערלאנגט, האט זי געענטפערט א נרבה. גיב איהר א נרבה, האט זיך דער רבי געווענדעט צו איינעם פון זיינע תלמידים. ניין, רבי, איך בין טאקי אנ׳אלמנה, נאר דאך בין איך, חלילה, נישט אזוי ארום וואס איך זאל ברויכען געהן נאך נרבות, איך פערלאנג פון דיר, הייליגער רבי, נאר עפעס אנדערש, און איך וויל אז דו זאלסט איינקוקען און מיין טאכטער׳ם האנד און מיר זאגען וואסער מזל איהר ערווארט. דער רבי האט א שמייכעל געטהוען און האט געענטפערט: ניין, עס וועט דיר, ר׳ חיים וויטאל, גארנישט העלפען דיינע תחבולות! ניין, כ׳האב דיר איינמאל געזאגט: נישט, איז נישט. און צו די אלמנה האט דער רבי געזאגט: הגם פאר די ערמה קומט דיר נישט קיין „כבוד” נאר דאך וועל איך דיר ענטפערין אום דו זאלסט נישט אוועקגעהן מיט דעם, וואס דו ביזט צו מיר געקומען. ער האט איר געהייסען זאגען איהר טאכטער, אז זי זאל ארויף לייגען איהר האנד אויף אנ׳אנגעוויזענעם ארט, נאר זי זאל שטעהן גאנץ דערווייטערט פון איהם, און זי האט אזוי געטהוען. דער רבי האט איהר צוגעטראפען אלסדינג וואס מיט איהר האט ביז דענכטמאל פאסירט, און געזאגט וועגען איהר צוקונפט.

נאכהער האט דער רבי ווידער גערעדט צו ר׳ חיים וויטאל ז״ל: איך האב

דאך דיר שוין איינמאל געזאגט אז פאר דיר איז גענוג צו אזעלכע זאכין, צוקעגען בלויז קבלה און דאריבער זאלסטו נישט מאכין קיין ערמות.

---

## ה.

## די שידה האט געוואלט הרגנען דעם חתן מיט זיין כלה.

עטליכע חברים האט זיך אמאל פערגלוסט מאכען א שפאציר אויף די פעלדער פון דער שטאדט צפת. געהענדיג האבען זיי בעמערקט א פינגער וואס שטייט ארויס פון דר'ערד און איינער פון די חברים האט אויף א געלעכטער א זאגגעטהוען: ווער וואלט זיין רינג אויף דעם פינגער אנגעטהון און מקדש געווען? עס האט זיך געפונען צווישען זיי איינער, וואס האט פון קעשענע ארויסגענומען א רינג, האט זי ארויפגעזעצט אויף דעם פינגער, און געזאגט „הרי את וכו׳״, די מעשה מיט דעם פינגער איז פערגעסען געווארען, און דער זעלבער בחור האט אין א צייט ארום א שדוך געטהון. עס איז אונטערגעקומען דער זמן החתונה, און דער עולם מיט חתן כלה בראש האבען זיך געוויילט פאר די חופה, פלוצלינג קומט ווער אריין און שרייט צום חתן: וואסער פעהלער האסטו אין מיר געפונען וואס דו האסט מיך פערביטען אויף א צווייטע? אלזא, ווייסען זאלסטו, ווערסטו מיט מיר חתונה האבען איז גוט וויבאלד נישט טוידט איך דיך מיט דיין אונשולדיגע כלה. איין עצה האסטו: מיך צורופען צו א דין תורה, און איך וועל ווייזען דאס פינגעריל מיט דיין חתימה. אלע געסט האבען דערקענט דעם חתנ׳ס חתימה וואס איז געוועזען אויסגעקריצט אויף דעם פינגעריל. די כלה׳ס פאטער איז פון די רייד דערשראקען געווארען, האט גענומען די כלה און איז מיט איהר אהיים געגאנגען. פון פרייד איז איבערגעקערט געווארען אויף א טרויער. אלע געסט זענען זיך צוגאנגען, יעדער אין זיין היים, און אויפ׳ן זאל איז געבליבען די שרייענדע (דאס איז געווען א שידה) מיט דעם חתן. דער רבי האט דעם חתן ארייגענומען און א בעזונדער צימער און האט צו איהם געזאגט: דו ווילסט חתונה האבען מיט די שידה וואס דו האסט מקדש געווען, בעת דו האסט שפאצירט אויפ׳ן פעלד, וועל איך אויף איהר גוזר זיין אז זי זאל דיך בעהאנדלען ווי אנ׳אמת ווייב? דער בחור האט געענטפערט: רבי, וועלכער נאר וועט זיך אונטערשטעלען אזעלכעס צו טהון? רבי, כ׳בעט אייך וואס זאל איך טהון צו מיין ביטער מזל, וואלט דען נישט פיעל גלייכער געווען, אז אין יענעם טאג וואלט איך די פיס צובראכען און פערשפארט געהן אויפ׳ן שפאציער? דער רבי האט איהם געהייסען זיצען נעבען איהם אויף א שטוהל, האט צוגערופען דעם משמש און איהם געהייסען אויפזוכען די שידה. דער משמש האט איהר אומעטום געזוכט און נישט געפונען, און האט דאס געזאגט דעם רבי׳ן. דער רבי האט צום משמש ווידער געזאגט: געה, נאכאמאל, אריין אין דער זעלבער שטוב וואו דו האסט איהר געזוכט פריהער, דארטען אונטער די לייטער איז זי בעהאלטען דען זי שרעקט

זיך, און זאָג צו איהר: דער רבי האָט געזאָגט אַז דו זאָלסט שוין צו איהם אריין קומען, ווייבאלד נישט, וועט ער דיך מיט דיין משפחה לייגען אין חרם אריין. דער משמש איז נאָכאמאָל געגאנגען איהר זוכען, און האָט צו איהר געזאָגט דאָס וואָס דער רבי האָט איהם געהייסען, און האָט זיך פון דאָרטען אומגעקעהרט צום רבי'ן. די שידה איז איהם נאָכגעגאנגען, און איז אריינגעקומען צום רבי'ן. דער רבי האָט צו איהר גערעדט, וואָסערע געשעפטען האָסטו מיט דעם מענטש? (ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם חתן) גייה און האָב חתונה מיט אַ שד וואָס איז אויך דיין גלייכען! זי האָט אָדער אָבגעענטפערט: רבי, צי איז טאַקי רעכט אַזוי, אַז איך זאָל חתונה האָבען מיט אַ צווייטען, כל זמן איך בין מקודש מיט'ן ערשטען? אויף דעם האָט צו איהר דער רבי ווידער געזאָגט: די קידושין זענען געווען אַ טעות, און ער האָט דיך נישט צומאָלט פאַר זיינע אויגען געזעהן, ווען יאָ — וואָלט ער דאָס נישט געטהוען, אַלזאָ, זאָלסטו וויסען אַז ער האָט זיך נאָר געמאַכט אַ געלעכטער! די שידה האָט אַלץ געהאַלטען אין איין אנטקעגען ענטפערען, ביז וואַנען דער רבי האָט בעפוילען מען זאָל ברענגען אַ סופר, און אין אַ האַלבע שעה אַרום איז שוין דער סופר געווען אויף דעם חתונה-זאַל. דער רבי האָט געהייסען דעם סופר שרייבען אַ גט, און דעם גט געגעבען די שידה, איהר בעשווארען מעהר קיין פרעטענזיעס נישט צו האָבען צום חתן אָדער כלה, און זי איז באַלד נעלם געוואָרען.

נאָכהער האָט מען געשיקט נאָך דער כלה'ס פאָטער, און מען האָט אָבגעלייגט די חתונה אויף אַ קורצע צייט, און צו דער בעשטימטער צייט איז די חתונה פאָרגעקומען, מיט גרויס פרייד.

---

בעת דער רבי מיט זיינע תלמידים האָבען געלערנט אַ'ענין אין פרשת בשלח, האָט דער רבי צו זיי געזאָגט: אין דעם איז דאָ גרויסע סודות נאָר איך האָב נישט קיין רשות צו מגלה זיין פאַר אייך צוליעב אַ סכנה, און אויף דעם האָט דער געטליכער תנא רבי שמעון בן יוחאי ז"ל געזאָגט „זאָלסט נישט פרעגען און פרובען דעם אויבערשטען” און דאָס מיינט מען: „ויגם משה מפניו”. די תלמידים האָבען נישט געוואוסט וואָס ער מיינט מיט יענע רייד, און רבי חיים וויטאל ז"ל האָט דעם רבי'ן געבעטען, אַז ער זאָל עס זיי בעשיידען, דער רבי האָט זיך אָנגעבייזערט און געענטפערט: ס'איז אַ סכנה, אייך אַלסדינג צודערצעהלען, דען איצטער איז אין'ם הימעל גוזר געוואָרען מיתה, אויף מיין קינד משה. זיי האָבען אַלע אַ ציטער געטהון. נאָכ'ן לערנען, איז דער רבי אַהיים געגאַנגען, האָט געפרעגט דאָס ווייב וואו זייער זוהן משה איז, האָט זי געענטפערט: אַז ער ליגט אויפ'ן בעט און גרימאַשעט אויף זיין קעפיל. ער איז צו איהם אריינגעגאַנגען, און האָט בעמערקט אַז דאָס קינד גליהט ווי פייער: דאָס קינד איז טאַקי אין עטליכע טעג אַרום געשטאָרבען.

נאָך די שבעה האָבען די תלמידים מורא געהאַט אריינצוקומען צום רבי'ן לערנען, האָט ער צו זיי געשיקט זאָגען: דער טויט פון מיין קינד וועט קיינמאָל נישט קענען גובר זיין דעם כח פון לערנען. זיי זענען באַלד געקומען, און איהם געוואונטשען אַז ער זאָל שוין נישט וויסען פון קיין צער.

---

## ו.

## דער אלשיך ז"ל פערטרויט זיך פאר'ן רבי'ן; דער נסיון פון גביר פון קושטא.

רבי משה אַלשיך ז"ל, איז אַיינמאָל געקומען צום רבי'ן און געזאָגט: רבי, פאַרוואָס קומט מיר אַזוי פיעל צרות אויסצושטען? וואָס האָב איך אנטקעגען איין זיך פערזונדיגט? דער רבי האָט איהם געענטפערט: איך האָב דאָך דיר שוין פיעל מאָל געזאָגט אַז דיין קומען אויף דער וועלט איז נאָר צו מתקן זיין דעם פשט, דען די סודות האָסטו שוין לאַנג מתקן געווען. אדרבה, פרוב און זעה צי איך האָב אומרעכט מיט דעם וואָס כ'שטוים דיך אָב. מאָרגען, פרייטאָג, וועל איך פערביי געהן דאָס אָרט וואָס דו וועסט דאָרטען זיצען, און וויבאַלד דו וועסט מיך זעהען זאָלסטו וויסען אַז איך האָב אומרעכט. צומאָרגענס, האָט דער אַלשיך הקדוש אָנגעגרייט פרי"ה דעם שבת און זיך אַנידערגעזעצט אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט. א גאַנצע טאָג האָט ער אויסגעקוקט דעם רבי'ן נאָר ער האָט איהם נישט געזעהען. פאַרנאַכט צו, ווען ער איז געווען גוט מיעד פון אָנשטרענגונג, איז ער אַנטשלאָפען געוואָרען און אין דער זעלבער צייט איז דער רבי מיט זיינע תלמידים דאָרטען פערביי געגאַנגען נישט בעמערקטערהייד פון איהם. דער רבי האָט געהייסען א תלמיד זאָל אויפוועקען דעם אַלשיך הקדוש, דען ער האָט מורא געהאַט איהם איבערלאָזען ביינאַכט, א שלאָפענדען אין אַ וויסט אָרט. דער תלמיד האָט אַזוי געטהון, דער רבי האָט נאָכהער נאָכאַמאָל געזאָגט צום אַלשיך ז"ל: יעצט זעהסטו אַז איך האָב רעכט, וויבאַלד דו וועסט מיך פאָלגען, וועט מיט דיין חבור קלינגען די וועלט, און זיי זענען אַלע בעזאַמען, נאָך שבת, צוריקגעגאַנגען קיין צפת.

אין קושטאָ איז מען איבער שבת געוואָהר געוואָרען פון דער מעשה. דאָרטען איז געווען א גרויסער עושר וואָס האָט אין זיין לעבען קיין איין עבירה, כמעט, נישט פערפעהלט, און האָט בעשלאָסען זעהען צי איז אמת אַז דער רבי איז אַזאַ נביא ווי די שטאָדט האַלט איהם, און איז געגאַנגען קיין צפת. אין מיטען וועג האָט ער איבערגעלעגט און אַ קרעטשמע אין דאָרטען, זיך גוט אָנגעטרינקען. דערווייל איז שוין דער רבי מיט זיינע תלמידים און חבירים געקומען קיין צפת. ווען זיי זענען געזעסען און געלערינט, האָט דער רבי צו זיי געזאָגט: געוויס וועט דאָ קומען איינער פון קושטאָ מיט מיר עפּיס רעדען, זאָלט איהר זיך היטען פאַר איהם דען אין זיין נשמה איז פערהאַן א ניצוץ פון דעם יודישען קעניג אחאָב.

עס איז אַוועק עטליכע שעה, און דער עושר פון קושטאָ, איז אַריין געקומען קיין צפת צום רבי'ן. דער רבי האָט איהם מיט גרו"ם כבוד מקבל געווען. דער עושר האָט אָזאָג געטהון: רבי, וויבאַלד איהר וועט וויסען וואָס מיט מיר האָט אין לעבען פּאַסירט, וועל איך וויסען אַז איהר זענט אַ נביא; וויבאַלד נישט, איז אַ סימן אַז ס'איז קיין השגחת הבורא פערהאַן. דער רבי האָט אַלע געהייסען פון שטוב אַרויס געהן, דען ער האָט איהם נישט געוואָלט מבייש זיין ברבים, און נאָכהער האָט דער רבי איהם געזאָגט געניי אַלע עבירות וואָס ער האָט אין

זײַן לעבען אויף דער וועלט אבגעטהון, ער האט איהם אפילו געזאגט וואן און װאו דאס איז פארגעקומען, דער עושר, הערענדיג פון רבי'ן אזעלכע אמת'ע דבורים האט מיט טרעהרען געענטפערט: רבי, פון היינט אן, נעם איך אויף מיר צו זײַן א יוד מיט אלע צונלײַך. דער רבי האט איהם ארויסגעגעבען א תיקון גדול.

---

## י.

## די קלוגע עצות.

דער עם הארץ און גרויסער גביר משה לאנץ וואס האט געוואוינט אין צפת, האט קומענדיג צום רבי'ן געזאגט, אז ווײַבאלד דער רבי וועט טרעפען אלעס וואס מיט איהם האט אין זײַן לעבען פאסירט וועט זײַן גוט, טאמער נישט— וועט ער טהוען געגען דעם דת התורה. דער רבי האט איהם זײַנע אלע עבירות אויסגערעכנט און האט איהם געזאגט אז אין א געוויסע נאכט האט ער מיט זײַן קריסטליכע דיענסט עובר געווען אויף אנ'עבירה. אין אלעם האט ער זיך מודה געווען, נאר אין די מעשה מיט דער דיענסט האט ער געלייקענט. דער רבי האט איהם געענטפערט אז אויב אזוי וועט ער איהם ווײַזען די דיענסט, און ער האט איהם געוויזען די דיענסט. ווי ער האט די דיענסט דערזעהן איז ער געפאלען אין חלשות. דער רבי האט איהם דערמונטערט, אז ער איז צו זײַנע געדאנקען געקומען האט ער צום רבי'ן געזאגט: רבי, אלע פיער מיתות זאלט איהר אין מיר טהוען אבי איהר זאלט מיך רײַן מאכען איך זאל קענען קומען לעולם הבא, דער רבי האט איהם געענטפערט אז ס'קומט איהם צו פערברענען. א גליקליכער פון דעם, וואס ער וועט בעקומען א תיקון איז ער געלאפען און געבראכט האלץ אום איהם צו פערברענען. דער רבי האט איהם געענטפערט אז מיט האלץ וועט ער זיך נישט פערברענען, נאר ער וועט איהם אין זײַן מויל ארײַן גיסען בלײַ. ער איז אויף דעם ביטערען טויט, אייך בעשטאנען און דער רבי האט צו איהם געזאגט: זאג וידוי, און ער האט געפאלגט. נאכהער האט דער רבי ווידער צו איהם געזאגט: לייג זיך אנידער אויף דר'ערד, צייה אויס דײַנע פיס, דרײַע הענד און עפען די מויל. ער האט אלעס געפאלגט און אויסגעקוקט די מינוט וואס דער רבי וועט איהם די קאכעדיגע בלײַ אין מויל ארײַן גיסען נאר ער האט א גרויסען טעות געהאט: אנשטאט בלײַ האט דער רבי איהם אין מויל ארײַנגע- גאסען—„זיסע געטראנקען” און בײַם גיסען געזאגט דעם פסוק „וסר עונך וחטאתך תכופר” (דײַנע שאנד פלעקען וועלען בטל ווערען) ער האט איהם פון דר'ערד אויפגעהויבען און ארויסגעגעבען א לײַכטע תשובה, ווארום מיט זײַן מסירת נפש האט ער זיך א גרויסע טובה געטהוען. ער האט איהם געהייסען, יעדען טאג לערנען פינף דפ'ן זוהר, חאטש ער פערשטייט נישט דעם פשט, און ער האט אזוי געטהוען, און איז געווארען א גרויסער ירא שמים.

אנדער האט זיך געטראפען א מעשה, וואס א בחור איז צום רבי'ן געקומען

און געזאָגט: רבי איך גײה איצטער נאך חוץ לארץ, זאָגט מיר, וואָס וועט פון מיר פאסירען? דער רבי האָט איהם געענטפערט: גײה געזונטערהייד, דאָרטען וועסטו חתונה האָבען מיט א שעהנע פרוי מיט פיל גדן. דו וועסט אָבער מיט איהר לאַנג זיך נישט פרייען; דען אין זעקס חדשים אַרום וועט זי שטאַרבען, און דו וועסט פון איהר ירשנען נישט מעהר ווי זעקס הונדערט גילדען, די סבה דערפון איז: זי, אין ערשטען גלגול איז געוועזען דיינס א קאַלענע, האָט דיך אין זעקס חדשים איבערגעפיהרט און דאדורך האָסטו היזק געהאט זעקס הונדערט גילדען, יעדער זאך מוז דאך אבער צוריק געצאָהלט ווערען, איז יענע נשמה א ריין אין איהר און אז זי וועט מיט דיר חתונה האָבען וועסטו האָבען פערגעניגען זעקס חדשים, אנטקעגען יענע זעקס חדשים וואס דו ביזט געפייניגט געוואָרען און זעקס הונדערט גילדען, וואס דו האָסט דאן היזק געהאט, נאָכהער וועט זי שטאַרבען, ווייל זי איז נאָר צוליעב דעם געבוירען געוואָרען. דו זאָלסט איהר חאָטש מוחל זיין. דער בחור איז פונ'ם רבין אוועק געגאַנגען און מיט איהם האָט טאקי אַזוי פאסירט.

---

# ח

## די גרויסע סעודה של מצוה.

איינמאָל האָט דער ר"י ז"ל צו זיינע חבירים און תלמידים געזאָגט, אז אין מאָרגענדיגען טאָג קענען זיי מאַכען א גרויסאַרטיגען באַל בתנאי, אז דער מחבר פון קול בוכים ז"ל זאָל אויף דעם באַל זיין, און אויב אַזוי מוזען זיי איהם שוין אָנגרייטען דען שפּעטער וועט ער וועלען אויף זיך מקבל תענית זיין, און טאָמער איז ער מקבל תענית איז ער זיך שוין נישט מתיר. ר' חיים וויטאל ז"ל מיט נאָך צוויי חברים זענען אוועק געגאַנגען צום מחבר פון קול בוכים ז"ל און איהם געבעהטען אויף'ן מאָרגענדיגען באַל. זיי האָבען איהם געבעהטען אז ער זאָל אויף זיך נישט מקבל תענית זיין ער האָט זיי געפרעגט פאַרוואָס זיי האָבען זיך אַזוי געאיילט און נישט געוואַרט ביז מאָרגען, האָבען זיי איהם איבערגעגעבען דאָס נביאות פון זייער רבין, ער האָט געענטפערט: אויב אייער רבינ'ס אַלע נביאות זענען פּאָראַבנע צו דעם נביאות, איז ער א קנאַפּער נביא, ר' חיים וויטאל ז"ל האָט איהם געענטפערט אז איצטער איז נישט די צייט פון אַזעלכע דבורים, און האָט איהם נאָכאַמאָל געבעהטען אויף'ן מאָרגענדיגען באַל. צומאָרגינס האָבען זיי געשיקט א שליח צום מחבר פון קול בוכים ז"ל, און ער איז מיט דעם שליח געגאַנגען אויפ'ן באַל. אין מיטען וועג האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט נעבין קבר פון ר"י ב"ר אלעאי ז"ל און האָבען דאָרטען גערעדט דברי תורה. פּלוצלונג זעהן זיי ווי דער רבי זייער קומט אָן, און אַלע האָבען זיך פאַר איהם אויפגעשטעלט, און דער מחבר ז"ל האָט איהם געבעהטען זיצען נעבען זיך. און א ווייל אַרום האָט דער רבי אָנגעהויבען זאָגען חידושים אויף אותו, און נאָכ'ן אָבזאָגען האָט ער געזאָגט דעם

קדיש. ער האָט געפרעגט דעם מחבר צי איהם געפעלט זיינע חידושים, האָט איהם יענער געענטפערט אז נישט, און איהם אָפגעוועהנט. דער רבי האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים: אַ, אַזאַ חבר איז גוט צו האָבען, נישט אַזוי ווי איהר אז וואָס מ'זאָגט אייך איז ביי אייך ריכטיג, און האָט גאָרנישט וואָס צו פרעגען. דער מחבר ז"ל האָט איהם געזאָגט גרויסע פלפולים, און ער האָט איהם שטאַרק געדאַנקט דערפאַר. זיי האָבען געגעסען און נאָכהער האָבען זיי זיך גענומען אין וועג אַריין. פאַר'ן געזעגנען האָט דער רבי דעם מחבר ז"ל געבעטען צו זיך אויף נאַכטלעגער, און ער האָט איהם צוליעב געטהוען. צומאָרגינס האָט דער מחבר געבעטען דעם רבי'ן, ער זאָל איהם געבען אַ תיקון צו זיין נשמה. דער רבי האָט איהם געענטפערט: אין מיין לעבען האָב איך נישט געזעהן אַזאַ מענטש ווי דו, וואָס זאָל אַזוי ריין זיין פון זינד. נאָר איך וועל דיר געבען אַ תיקון: יעדען טאָג צו עסען אַ גוט שטיקעל היהן און נאָכהער, אַ גאַנצען טאָג צו לערנען. וועגען דיינע תעניתים זאָגען טאַקי די חכמים „האי צורבא מרבנן דקא מתענה. ליכול וכו'". (דאָס הייסט אַז עס איז גלייכער עפיס צו עסען מען זאָל האָבען כח צו לערנען תורה) דער מחבר האָט זיך מיט'ן רבין געזעגינט, איז אַהיים געגאַנגען און געהייסען אָנגרייטען אַ סעודה ביי זיך אין שטוב, פאַר חשוב'ע געבעטענע געסט. ער האָט געשיקט רופען דעם רבין און זיינע תלמידים, און אַליין איז ער געגאַנגען בעהטען זיין ברודער דער גאון ר' משה גאַלאַט, ז"ל. דער ברודער, דער גאון האָט איהם געפרעגט וואָס דאָס איז, האָט ער איהם אַלסדינג דערצעהלט. דער גאון האָט איהם געפרעגט צי מיט'ן רבין קען מען עפיס רעדען וועגען די „הויכע ענינים" האָט ער איהם ערשט אָנגעהויבען צו דערצעהלען דאָס גרויסקייט פון'ם רבין, ביז וואַנען ער איז געגאַנגען אויף דער סעודה. בעת דער גאון איז אַריין געקומען צו זיין ברידער אין שטוב, איז דער רבי שוין פון לאַנג דאָרטען געוועזען. דער רבי, זעהנדיג דעם גאון אַריין קומען, האָט ער איהם שטאַרק געבעהטען אַז ער זאָל זיך זעצען אויבענאָן און ער האָט דאָס צוליעב געטהוען. זיי האָבען זיך שטאַרק געפרייט, גערעדט תורה און זיך געלאָזט וואויל געהן. נאָך דער סעודה איז יעדער אַהיים געגאַנגען צו זיך אַהיים. אויף צומאָרגינס האָט דער רבי בעמערקט ווי דער גאון (ר' משה גאַלאַנט, ז"ל) געהט אַריין צו איהם אין שטוב, און ער האָט אָנגעהויבען שטאַרק ציטערין, דער גאון איז אַריין געקומען און געבעהטען דעם רבין אַז ער זאָל איהם געבען אַ תיקון. דער רבי האָט איהם געענטפערט: ראשית ווער בין איך וואָס דער הערר איז צו מיר אַליין גיזקומען און נישט געשיקט אַ שליח צו מיר וואָלט איך צום הערר געקומען, והשנית: וואָס וויל דער הערר פון מיר האָבען מיט אַ „תיקון נשמה" ווער בין איך וואָס זאָל קענען אַזעלכע גרויסע נשמות מתקן זיין?—דער גאון האָט צו איהם געזאָגט: ווען איך זאָל וויסען דעם שם המפורש דיך צו באַשוועהרען, וואָלט איך עס געוויס געטהוען, נאָר וואָס זאָל איך טהוען אַז איך ווייס נישט, אַלזאַ, זאָלסטו מיר שוין אַ קוק טהוען אויף מיין שטערן און אַלעס דייטליך אַרויס זאָגען, דען אויב נישט וועל איך אויף דיר אין כעס ווערען. דער רבי האָט איהם געזאָגט אַז אין זיין שטערין דערקענט ער אַ קלקול פון אַ שטיקעל

גזילה, דער גאון, דאָס רעדהערענדיג, איז אַ טרויעריגער צו זיך אַהיים געגאַנגען, האָט צוריסען זיינע קליידער, זיך אַנידער געזעצט אויף די הוילע ערד און געשריגען: רבונו של עולם וואו וועל איך מיך אהין טהוען מיט מיין חרפה, נאָכדעם ווי דער רבי פון צפת האָט אין מיר דערקאַנט אַ קלקול פון ספק גזל! ער האָט לאַנג געוויינט, ביז זיינע לעצטע קרעפטען, אונ נאָכהער האָט ער געבעהטען אַביסעל וואַסער זיך צו ראַטעווען פון חלשות. אַביסעל שפּעטער האָט ער געהייסען דעם משמש צוזאַמענרופען אַלע וואָס האָבען פון איהם אַמאָל גענומען אַרבייט, און דער משמש האָט אַזוי געטהוען. ער האָט די פערזאַמעלטע געפרעגט ציי זיי קומט נישט פון איהם עפּיס געלד, האָבען זיי געענטפערט אַז זיי קענען נישט וויסען גענוי דערפאַר, וואָס זיי האָבען קיינמאָל נישט געפיהרט קיין רעכנונגען און האָבען געוויסט אַז אַהיים געהענדיג פון'ם גאון'ס שטוב, איז אין זייערע פאַר גילדען אַריין די ברכה. דער גאון האָט אַ ביטערען זיפץ אַרויס געלאָזט און האָט געזאָגט: איצטער ווייס איך שוין פון מיין אומגליק! און ער האָט צו זיי געזאָגט: וויסען זאָלט איהר אַז דורך אייך וועל איך ליידען, אומזיסט גהינם, און דאַריבער האָט איהר מיך איצטער אין אַזאַ לאַגע געטראָפען. אַלזאָ, זייט מיר מוחל במחילה גמורה. זיי האָבען איהם מוחל געווען מיט'ן גאַנצען הערץ, און האָבען נישט געוואָלט נעמען קיין איין פרוטה פון איהם. איינע, אַ וועבערין, האָט יאָ פון איהם גענומען צוויי גילדען, נאָר אויך זי האָט נישט געהערט זיין רעדען „מעהר צונעמען" און האָט מעהר ווי צוויי גילדען נישט גענומען.

דער גאון איז אַרויס געגאַנגען פון זיין שטוב און האָט געטראָפען ר' חיים וויטאַל ז"ל אויפ'ן וועג. ער האָט איהם געפרעגט וואָס דער רבי זאָגט, ציי ער האָט שוין חאָטש מתקן געווען דעם קלקול פון גזל, האָט ר' חיים וויטאַל ז"ל איהם געענטפערט, אַז דער קלקול פון גזל איז געווען אין די וועבערינס צוויי גילדען, און יעצט איז שוין אַלסדינג אין בעסטען אָרדנונג. דער גאון האָט ביי זיך אין שטוב געמאַכט אַ גרויסע סעודה, פערבעטען זיין ברודער, דער מחבר פון קול בוכים און דעם רבי'ן מיט זיינע תלמידים, און האָבען זיך שטאַרק משמח געווען.

---

# ט.

## די וואונדערליכע גלגולים.

ווען דער ת"ח ר' יעקב אַבולעפיי ז"ל איז געקומען צום רבי'ן קיין צפת, איז דער רבי איהם אַנטקעגען געגאַנגען און געזאָגט: לויף גיכער קיין מצרים דאָרטען וועסטו גרויסע נוצליכע זאַכען מתקן זיין. דער חכם האָט געענטפערט אַז ער וויל טאַקי פאָהרען נאָך מצרים, נאָר איצטער איז ער משתוקק צו וויסען וואָסערע נוצליכע זאַכען ער וועט מתקן זיין. דער רבי האָט איהם מיט געגעבען אַ בריף און איהם געהייסען זיך נעמען צו דער רייזע, און איהם נאָכאַמאָל געזאָגט

אז צוריקוועגס וועט ער נוצליכע זאכען מתקן זיין. ער איז אוועקגעפאהרען קיין מצרים און האט דארטען צוזאמענגענומען פיעל געלד פאר'ן רבי'ן לויט'ן בריעף, און האט בעשלאסען צוריקצופאהרען נאך צפת. ער איז געפאהרען אויף א פערד צוזאמען מיט א קאמפאניע וואס איז אויך געפאהרען קיין צפת. אין מיטען וועג האבען זיי זיך אפגערוהט און ער האט זיך אנידערגעלייגט שלאפען אויפ'ן גראז, און זיין פערד און אייזעל האט ער אנגעבונדען ביי א בוים. אין א שעה ארום האבען איהם די קאמפאניע אויף געוועקט, נאר ווייל ער איז געוועזען זעהר מיד און שלעפעריג, האט ער נישט געוויסט וואס מען רעדט צו איהם, און האט זיי געגעבען דאס אייזיל, און אליין זיך ווייטער געלייגט שלאפען אויפ'ן זעלבען ארט. אין עטליכע שעה ארום, האט ער זיך אויפגעחאפט פון זיין שלאף און דערזעהן אז די קאמפאניע איז שוין ביי איהם נישט פערהאן, ער איז געווארען שטארק טרויעריג דערפאר וואס ער האט נישט געוויסט דעם וועג קיין צפת, נאך דערצו — אין מיטען דערנאכט. פון דערווייטענס האט ער דערזעהן א מענש אקערט מיט צוויי בהמות אויפ'ן פעלד, האט ער זיך איינגעזעצט אויפ'ן פערד און צוגעפאהרען צו יענעם ארט. ער איז נאך מעהר דערשראקען געווארען, ווען ער האט דערזעהן ווי פון דעם מענש איז געווארען אנ'אקס און נאכהער פון די אקסען מענשען, אזוי האבען זיי זיך כסדר געטוישט, ביז וואנען אלע דריי זענען געווארען מענטשען. ער איז שטארק דערשראקען געווארען און האט נישט געקאנט צוזעהן די אכזריות'ע קלעפ וואס די אקסען האבען בעקומען פון דעם מענש.

פלוצלינג זענען די דריי מענשען צו איהם צוגעגאנגען, און האבען איהם געגעבען שלום, געפרעגט צי ער איז פון צפת, און ער האט זיי געענטפערט אז יא. זיי זענען איהם צו די פיס געפאלען און געבעטען, אז א היימקומענדיג קיין צפת, זאל ער זאגען דעם רבי'ן ער זאל זייערע זינדיגע נשמות מתקן זיין און האבען איהם בעשוואוירען דאס צוהיטען. זיי האבען איהם בעגלייט דעם גאנצען וועג, און ער איז בשלום אנגעקומען קיין צפת, דער רבי איז איהם אנטקעגען געגאנגען און האט געזאגט: איצטער ווייסטו שוין אז צוליעב די אקסען האב איך דיך געשיקט קיין מצרים, אלזא, מארגען אין דער פריה זאלסטו קומען צו מיר אין שטוב אריין.

צומארגענס אין דערפריה, ווען ער איז געוועזען ביים רבי'ן אין שטוב, האט ער איהם געזאגט אז זיי זענען געוועזען מענטשען גלייך מיט אלע, נאר נאכ'ן טויט זענען זיי מגולגל געווארען אין אקסען דערפאר, וואס זיי האבען אבגעגאלט זייערע פאות מעהר ווי דער שיעור איז, און דאריבער ליידען זיי שרעקליכע יסורים אינ'ם גהינם. ווארום אין די תורה איז דערויף פערהאן א בעווייז „לא תקיפו פאת ראשכם" זענען די ראשי תיבות „פר" (פאת ראשכם) צו ווייזען אז דערפאר ווערט מען נאכ'ן טויט מגולגל אין אנ'אקס אריין. דער רבי האט איהם געהייסען פאסטען דעם מארגענדיגען טאג און איהם אויסגעלערנט שמות וואס ס'זאל זיי העלפען צו זייער תיקון, און דער תלמיד חכם האט אזוי געטהון.

זיי זענען דעם נאכט געקומען צום חלום און געזאגט א יישר כח דערפאר וואס ער האט אין זיי נישט פארגעסען און איהם געבעטען, אז אויך אויף ווייטער זאל ער אין זיי נישט פערגעסען. ווייטער אריין האבען זיי איהם געזאגט אז מיט

יעדער תיקון בעפרייט ער זיי פון א שווערער גהינם און זיי ווערט וואס א מאל לייכטער

---

## די גאולה.

אין א געוויסען ערב שבת פארנאכט, איז דער ר״י הקדוש מיט זיינע תלמידים, שוין אנגעטהון אין די שבת׳דיגע מלבושים, ארויסגעגאנגען אונטער די שטאדט צפת און דארטען, האבען זיי מקבל שבת געוועזען. זיי האבען שעהן געזונגען די שבת׳דיגע מזמורים. אין מיטען זינגען האט דער רבי געפרעגט די תלמידים צי זיי וואלטען געוואלט מאכען, פאר שבת א שפאציר קיין ירושלים און דארטען, בלייבען איבער שבת. אזוי ווי פון צפת ביז ירושלים איז געוועזען 25 מייל, האבען א טייל געענטפערט אז יא און א טהייל, אז זיי וועלען א היים געהן אנזאגען זייערע ווייבער, אז זיי וועלען שבת רוהען אין ירושלים. דער רבי האט א ציטער געטהון, געקלאפט איין האנד אין דער צווייטער און געזאגט: וועה, וועה, ציטער גלות, רען ליעב זייער פוילקייט זענען מיר ווייטער געבליבען אין אונזער ביטער גלות, רען יעצט איז געוועזען דער שעת הכושר אויסצופיהרען אלסדינג, ווען זיי וואלטען מיט זייערע רייד נישט קאליע געמאכט.

איינמאל שבת אין דערפריה, פאר׳ן דאוונען, האט דער רבי געזאגט צו זיינע תלמידים, אז ער וועט אליין דאוונען פאר׳ן עמוד און צום לייענען, וועט ער אויפרופען די זיבען אושפוזין כתנאי, אז די תלמידים זאלען זיך האלטען מיט דרך ארץ און כבוד, נאכהער האט ער צו זיי געזאגט אז ער דערקענט אין איינעם פון זיי, וואס וועט זיך האלטען מיט קלות ראש, דעם בעט ער: נישט צו טהון אזעלכעס און זיך ראטעווען פון טוידט. כך הוה, דער רבי האט געדאווינט פאר׳ן עמוד און צום לייענען, האט ער אויפגערופען די זיבען אושפיזין און איינער פון די תלמידים האט נוהג געוועזען קלות ראש. דער זעלבער האט נישט דערלעבט צום יאהר, און איז, רחמנא ליצלן, געשטארבען. דאן האט דער רבי צו זיי געזאגט ווי וויים מ׳ברויך זיך האלטען מיט דרך ארץ בעת מען נעמט ארויס די ספר תורה פון ארון הקודש, דען דאס איז א סגולה צו אריכת ימים מיט עולם הבא.

---

## י״א.

## א שרעקליכע מעשה מיט א דבוק.

אין צפת איז געוועזען א פרוי מיט׳ן נאמען דבורה, די זעלבע דבורה איז געווארען מעהר „היינטוועלטיג״ און אין עטליכע יודישע מנהגים האט זי נישט שטארק געגלויבט. מיט א מאל איז אין איהר אריין א דבוק, און האט איהר פיעל שמערצען פערשאפט, דער דבוק האט כבדר פון איהר ארויסגעשריגען, זי האט זיך

גישט געקאָנט אַנ׳אָרט געפֿונען און איז געקומען צום רבי׳ן. דער רבי האָט איהר געהייסען אַהיים געהן, און ווייל ער אַליין האָט קיין צייט נישט געהאַט, האָט ער געשיקט ר׳ חיים וויטאַל ז״ל, איהם אָנגעזאָגט די נויטיגע סודות און געשיקט, ארויסטרייבען דעם דבוק. ר׳ חיים וויטאַל ז״ל איז אַריינגעקומען צו איהר און געוואָלט טהוען, וואָס מען האָט איהם געהייסען. פּלוצלינג האָט דבורה זיך אויסגעדרעהט מיט׳ן פּנים צו דער וואַנד. ר׳ חיים וויטאַל ז״ל האָט אַ געשריי געטהון: רשע, וואָס פֿיינטגסטו דאָס מענש? וואָרום מאַכסטו איהר דעם טויט? שנעל אַרויס פֿון איהר! דער דבוק האָט אָבגעענטפֿערט: נישט שריי אויף מיר און נישט זיי בייז, איך קען נישט קוקען אין דיין פּנים אַריין דען די רשעים איז שווער צוקוקען אין די צדיקים׳ס געזיכטער. ער האָט איהם געפֿרעגט וואָס זיין חטא איז, האָט דער דבוק געענטפֿערט: מיין חטא איז וואָס איך האָב געוואוינט מיט אַנ׳אשת איש און געבוירען ממזרים. שוין פֿינף און צוואַנציג יאָהר ווי מיין נשמה וואַלגערט זיך ארום אומעטום, און געפֿינט אין ערגיץ נישט איהר רוה. דריי מלאכי חבלים שלאָגען מיך מכות אכזריות, לאָזען מיך ניט צו רוה און טרעטען מיך נישט אָב אויף קיין רגע. ר׳ חיים וויטאַל ז״ל האָט איהם געפֿרעגט: אַמעהר ס׳שטעהט דאָך אַז נאָר 12 חדשים ווערען די רשעים געמישפּט אין גהינם? גאַנץ ריכטיג—האָט איהם דער דיבוק אָפּגעענטפֿערט—נאָר ווי דערלעבט מען שוין אַנצוקומען אינ׳ם גהינם אַריין. איידער מען קומט אין גהינם אריין האָט מען פֿריהער פֿיל צרות אויסצושטעהן. דאָס איז אַ משל פֿון אַ דאָקטאָר וואָס וויל דעם קראַנקען היילען, ברענט ער איהם פֿריהער אוים דאָס פֿערפֿוילטע פֿלייש, פֿון וואָס דער חולה ליידט די גרעסטע צרות און נאָכהער. שמירט ער איהם מיט מאַשטשען אַז די הויט זאָל זיך צוציהען וואָס שנעלער היילען. דאָס זעלבע איז מיט׳ן גהינום, דען דער צער פֿונ׳ם גהינום איז נישט קיין זעכציגסטע חלק פֿון די יסורים, וואָס מען ליידט איידער מען דערלעבט דאָרטען אָנצוקומען. ר׳ חיים וויטאַל ז״ל האָט איהם געפֿרעגט ווי אַזוי ער איז געשטאָרבען? האָט ער געענטפֿערט: איך בין איינמאָל געפֿאָהרען אויף אַ שיף אויפ׳ן ים, און די שיף איז דורך דעם שטורם ווינט איינגעזונקען געוואָרען אינ׳ם ים. גראָד זענען די יודען פֿון יענער שטאָדט פֿון דעם געוואויר געוואָרען און האָבען אונז אַלעמען, טויטערהייד, פֿון ים אַרויסגעצויגען און אונז געבראַכט צו קבר ישראל. נאָכדעם ווי די בעל מתעסקים זענען פֿון מיין קבר אַוועקגעגאַנגען, איז צו מיר צוגעקומען אַ בייזער מלאך מיט אַ פֿייערדיגע רוט אין זיין האַנט, ער האָט געגעבען אַ קלאַפּ אויף מיין קבר פֿון וואָס איך האָב אַ ציטער געטהוען און דאָס קבר האָט זיך געעפֿינט. ער האָט צו מיר אַ געשריי געטהון: רשע, קום צים משפּט, און האָט מיך גענומען אויפ׳ן כף הקלע און אַ וואָרף געטהון ביז צו דער טהיר פֿון גהינום. באַלד זענען טויזענדער זינדיגע אַרויס פֿון גהינום און געזאָגט: אַנטלויף פֿון אונז די אומריינער! דו ביזט נאָך נישט כדאי צו קומען צו אונז, דו פּושע ישראל. פֿון דאַמאָלס אָן. געה איך אַרום פֿון איין מדבר אין דער צווייטער, און דריי מלאכי חבלים בעגלייטען מיך, שלאָגען און רייסען פֿון מיר שטיקער פֿלייש, אויך די בייזע ריחות האָבען זיך אין מיר אָנגעהאָנגען און פֿערשטאַרקען מיר מיינע יסורים אויף דאָפּעלט. וועהרענד זיין ביטערע לאַגע בין

איך געגאַנגען קיין ווערמייזא און דאָרטען, האָב איך גערעלענט צו אַריין געהן אין אַ גוף פון אַ יוד, און אַזוי אַרום צו האָבען מיין תיקון אַז איך זאָל קענען אַנקומען אין גהינום אַריין. וועהנדיג אַז דאָרטען איז קיין אמת'ער יוד נישט פאַרהאַן און איך וועל מיר פיעל ערגער מאַכען, בין איך ווייטער אַרום געגאַנגען פאַריאָגט און פערפלגאָט. איינמאָל האָב איך בעמערקט אַ קוה דורכגעהן, בין איך צו די קוה אין בויך אַריין, כדי אַזוי אַרום צו האָבען איין תיקון, נאָר אויך דאָרטען איז מיר שלעכט געוועזען און מיט מיר האָט אַ פּריש אומגליק געטראָפען. די קוה איז געוועזען מעוברת און האָט נישט געקאָנט פערטראָגען וואָס איז איבעריגעם. אויסער דעם איז מיר געוועזען ערגער דערמיט, וואָס כ'האָב נישט געקאָנט אינוויינינג קיין רוה האָבען צוליעב דעם, וואָס אַ קוה געהט אַנדערש ווי אַ מענטש. איך וואָלט שוין ווי ס'איז געליטען, נאָר די קוה ווייזט אוים האָט נישט געוואָלט ליידען, דער בויך איז איהר געפּלאַצט, זי איז געפּייגערט, און איך בין ווייטער געבליבען נע ונד. באַלד בין אין אַנטלאָפען קיין שכם און דאָרטען זיך אַריינגעכאַפּט צו אַ יודישען כהן, אויך דאָרטען האָט מיך אַנ'אומגליק געטראָפען, דער כהן איז נישט געוועזען קיין רעכטער, און כשוף מאַכער'ס האָבען מיך מיט זייערע לחשים פון דאָרטען פערטריבען, דען איך האָב געזעהן אַז איך בין מעהר אין טומאה פערקראָכען, האָב איך באַלד מיין וועג גענומען און אַריין צו די דבורה וואָס איך בין איצטער אין איהר. ר' חיים וויטאַל ז"ל האָט איהם געפרעגט ווער עס האָט איהם געגעבען רשות צו איהר אַריין צוגיין, האָט ער געענטפערט: ווען זי האָט, איינמאָל, אין דער פריה געקליבען צווישען מיסט, און האָט בעת מעשה ווערמען פון שטוב געשאָלטען מיט די קללה „דער רוח זאָל אייך חאַפּען” האָב איך פון מיינע מלאכי חבלה געקריגען רשות אין איהר אַריין צוגעהן. האָט איהם ר' חיים וויטאַל ז"ל ווידער געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט נישט בעת די שיף איז דערטרונקען געוואָרען, געזאָגט וידוי און געהאַט חרטה אויף זיינע ביטערע מעשים, וואָס דאָס וואָלט איהם געווים געפּועלט, האָט ער געענטפערט אַז ער איז צו מישט געוואָרען און האָט דאָס דאַריבער נישט געקאָנט טהוען. ר' חיים וויטאַל ז"ל האָט איהם געפרעגט צוויי זאַכען: ביז וואַנען ער ברויך נאָך צולײַדען נויט און פאַרוואָס די מלאכי חבלה האָבען איהם ערלויבט, צוליעב אַ קללה, אַריין צוגעהן אין איהר. ער האָט געענטפערט: זי איז נישט קיין גרויסע צדיקות, זי גלייבט נישט אין יציאת מצרים, און ווען אַלע יודען זאָגען פסח ביינאַכט די הגדה, שפּעט זי פון אַלעם. און איך מוז זיך מאָרדיריען אויף דער וועלט אַזוי לאַנג, ביז מיינע ממזרים, וואָס דאָס אשת איש האָט פון מיר געבוירען, וועלין אַלע, מיט'ן לעצטען, אויסשטאַרבען. אַלע מענטשען וואָס זענען דאַמאָלס, ווי דער רוח האָט אין איהר גערעדט, דאָרטען אין שטוב געשטאַנען, האָבען זיך ביטערליך צוּוויינט, אויף דעם גרויסען חורבן, וואָס אַ מענטש קען אויף זיך, צוליעב אַ נאַרישען תענוג, מיט זיינע איינענע הענט, ברענגען.

ר' חיים וויטאַל ז"ל האָט געוואָלט וואָס שנעלער פון איהר דעם דיבוק פערטרייבען, האָט ער איהר געפרעגט: דו גלויבסט מיט'ן גאַנצען הערץ אַז גאָר דער אויבערשטער האָט די וועלט בעשאַפען. און קיין אַנדערער, אויסער

איהם — נישט? איך גלויב דערין, האט זי געענטפערט; גלויבסטו אז גאט האט דעם ים געשפּאָלטען און די יודען פון מצרים ארויסגענומען? יא, אויך אין דעם גלויב איך, האט זי געענטפערט. צי וועסטו פון איצטער אן פרימער ווערען, און חרטה האבען אויף אלעס, וואס דו האסט ביז איצטער געטהון? יא, האט זי אין א קוויטשענדיג געוויין געענטפערט אז אלע, וואס זענען דארטען געוועזען, זענען שיער אין חלשות געפאלען פון גרויס מיטלייד מיט איהר.

דאן האט ר׳ חיים וויטאל ז״ל געזאגט א לחש וואס דער רבי האט איהם אנגעזאגט, און געזאגט צום דיבוק: איך בין אויף דיר גוזר אז דו זאלסט שוין פון איהר קערפער ארויס, און נישט דורך קיין אנדער ארט פון איהר גוף, נאר דורכ׳ן קליינעם פינגערל פון איהר לינקען פוס. (דאס אבר וואס דער דיבוק געהט דערפון ארויס מוז ווערען ווי אפגעשטארבען, און דאריבער האט ער איהם געהייסען ארויסגעהן דורכ׳ן קליינעם פינגער פון פוס) באלד איז איהר דער פינגער איינגעבלאזען געווארען און צוריק געפלאצט, וואס פון דעם איז איהר בעסער געווארען, און אלע האבען מיט זייערע אויגען געזעהן נסים מן השמים.

אין א צייט ארום איז דער דיבוק צוגעקומען צו איהר פענסטער איהר צו שרעקען, און מען איז געלאפען צום רבין. דער רבי האט געהייסען איבער־קוקען די מזוזות אויב זיי זענען נישט פסול, מען האט די מזוזות איבערגעקוקט, און אנגעקלאפט כשר׳ע. פון דאמאלסט אן איז דער דיבוק צו איהר פענסטער מעהר נישט געקומען.

---

# יב.

## דער שרעקליכער „רוח רעה“

רבי יהושע ז״ל א שוועסטער׳ן זוהן מיט׳ן נאמען משה, א בחור פון אכטצעהן יאהר, וואס איז שטענדיג קראנק געוועזען, גענוצט דאקטוירים און קיינמאל קיין בעסערונג נישט געזעהן, איז געוועזען זעהר אן אפגעהיטענער ארדענטליכער בחור. איינמאל האט דער רבי צו זיין פאטער געזאגט אז ס׳איז איבעריג דאס נוצען דאקטוירים, ווייל אין דעם בחור איז פערהאן א רוח רעה, וואס מארדיוועט איהם, און דאדורך איז די קוראציע גאנץ איבעריג. דער פאטער האט געענטפערט אז שוין צוועלף יאהר ווי דער זוהן ליידט אויף הארץ און ציין וועהטאג, און אז מען קורירט איהם האט ער אבעסערקייט אויף א קורצע צייט, דאריבער האט ער מורא איהם צולאזען אהן דאקטוירישע אויפזוכט. דער רבי האט געזאגט א לחש און נאכהער זיך געווענדעט צום רוח רעה: זאג נאר מיר פארוואס דו ביזט אין דעם בחור אריין. דער „רוח רעה“ האט געענטפערט: דער בחור אין זיין פריהערדיגען גלגל איז געוועזען איינע פון די רוישיגע שטערדט א גבאי פון צדקה און איך, אין מיין פריהעריג גלגל בין געוועזען א פראסטער אריםמאן. איינמאל בין איך צו איהם געקומען נאך א נדבה, האט ער מיר נישט געוואלט געבען און איך בין פון הונגער געשטארבען. דאס בית דין של מעלה האט מיך געהייסען אריינגעהן צו איהם אין גוף, און איהם דערפאר

פארדיווען ביז זיין טוידט. דער רבי האט אויף איהם גוזר געוועזען, דעם בחור קיין שלעכטס צוטהון און פון איהם ארויסצוגעהן, נאר דער רוח רעה האט געענטפערט, אז אנדערש וועט ער איהם צורוה נישט לאזען, ביז וואנען ער וועט צוזאגען דאס צוטהון: צו זיצען דריי מעת לעת פערמאכט און זאל נישט קוקען אויף קיין פרוי דען אנדערש וועט ער מוזען שטארבען. מען האט אזוי געטהון נאר אין לעצטען טאג האט מען איהם אליין געלאזט, און צו איהם זענען אריין זיין מוטער און מומעס, און האבען איהם שטארק געקושט, דען זיי זענען געוואוירגעווארען אז איהם איז לייכטער געווארען אויף זיין קראנקהייט. זיי זענען פון איהם ארויסגעגאנגען, און דער רוח רעה איז צו איהם געקומען, און האט איהם געטוידט.

---

### י"ג.

## דער לחש געגען מזיקים.

איינמאל האט מען צום רבי'ן אין בית המדרש געבראכט א פרוי וואס איז פלוצלינג קראנק געווארען, אז ער זאל איהר היילען. דער רבי האט געענטפערט אז אין די אשה איז אריין א רוח רעה, און מ'ברויך איהר, דורך לחשים, פון איהם צו בעפרייען. דער רבי האט די לחשים איבערגעגעבען זיין תלמיד ר' חיים וויטאל, אז ער זאל איהר היילען, און איהם געהייסען צו איהר געהן פארנאכט. ר' חיים וויטאל ז"ל האט נישט געקאנט געהן פארנאכט און איז געגאנגען ביינאכט. בעת ער איז צו איהר אין שטוב אריינגעקומען האט זי אנגעהויבען ציטערען. ער האט געפרעגט דעם רוח ווי ער הייסט. האט ער כסדר געענטפערט אויסגעטראכטע נעמען. ער האט איהם אביסעל שטרענגער געפרעגט, ער האט איהם געזאגט א פרישען נאמען, און ער האט געזעהן אז דאס איז נישט קיין ליגען, דען עס האט געשטימט מיט דעם וואס דער רבי האט פאראויס געזאגט. ער איז צוגעגאנגען צו די פרוי און אין איהר א[…]ער אריינגערעדט פערשידענע לחשים. דער רוח האט געענטפערט מיאוסע ווערטער. נאכהער ווי ר' חיים וויטאל ז"ל האט בעמערקט אז ער וויל ארויסגעהן האט ער צו איהם געזאגט: געה ארויס דורך דעם קליינעם פינגער פון איהר לינקען פוס. דער רוח האט נישט געוואלט הערען און דוקא, געוואלט ארויסגעהן דורכ'ן בויך און אויך א שאדען טהוען די אלע, וואס האבען זיך דארטען בעת מעשה אין שטוב געפונען. ר' חיים וויטאל ז"ל איז געגאנגען אין בית המדרש אריין מעריב דאווענען, און דאס דערצעהלט דעם רבי'ן. דער רבי האט איהם געענטפערט, איך האב דיך צו איהר געהייסען געהן פארנאכט, טא פאר וואס ביזטו צו איהר געגאנגען ביינאכט, ווען די רוחות רעות און מזיקים שוועבען אויף טריט און שריט, און מען קען גאר נישט העלפען? דערוועיל האט אין דרויסען שטארק אנגעהויבען צו רעגנען, און דער רבי האט איהם געהייסען א היים געהן, און נישט צו יענע פרוי, דען ביינאכט איז שווערער געווען עפיס אויף צוטהון, ווייל עס איז א סכנה פאר דעם לחש זאגער. דער

רבי האט איהם בעגלייט אויפ'ן וועג. ער האט איהם אנגעזאגט אז וויבאלד ס'וועט איהם עפּיס שלעכטס טרעפען אין וועג, זאל ער מיט זיין פאלע פון פאלטען א שאקעל טהון, וועט דער מזיק בטל ווערען און ער וועט זיך אויפהערען צו שרעקען. אין מיטען וועג איז איהם פון אונטען אנגעקומען א שווארצער, גרויסער און בייזער הינט, האט אויף איהם שטארק געבילט, און פון גרויס שרעק האט ער פערגעסען וואס דער רבי האט איהם אנגעזאגט, אז ער זאל זיך קענען מציל זיין. ער איז אנידערגעפאלען אויף דר'ערד און אנגעהויב״ן ציטער'ן. אין ציטערען האט זיך זיין פאלע א בויג געגעבען, און דער הונט איז באלד פערשוואונדען געווארען, ער איז צו זיך געקומען, האט זיך אויפגעהויבען פון דר'ערד, איז א היימגעגאנגען שלאפען און בעמערקט, אז איין האנד איז איהם פאראליזירט, מחמת דער הינט האט איהר געוויס אנגעריהרט.

צומארגענס ווען ער איז געקומען צום רבי'ן, דאט דער רבי צו איהם געזאגט: כ'האב דאך דיר געזאגט ווי אזוי זיך צו היטען פון מזיקים, און פאר וואס האסטו נישט אזוי געטהון? — דער רבי האט א נעם געטהוען זיין שלאפע האנד אין זיינע הענד אריין, און נאכהער זי אבגעלאזט, באלד איז די האנד געהיילט געווארען. אויך האט דער רבי איהם דערצעהלט אז ער האט געוואוסט אז איהם וועט שרעקליכעס אין וועג פארקומען, דעריבער איז ער מיט איהם געגאנגען דעם גאנצען וועג. דער רבי האט איהם געזאגט פרישע סודות, און איהם נאכאמאל געשיקט צו דער זעלבער פרוי. ר' חיים וויטאל ז"ל האט אין איהר אויער איינגערוימט פערשידענע לחשים און עס האט נישט געפועלט, דער רוח רעה האט נאך אלץ געטהוען ס'זייניגע. ער איז אוועק צום רבי'ן, און דער רבי האט איהם איבערגעגעבען אנדערע, שטארקערע לחשים און ער האט זיי בענוצט פון וואס זי האט אנגעהויבען אינגאנצען ציטערען, און מען האט אנגעזעהען אז דער רוח רעה האלט ביים נעמען דעם דרך. ער האט געפרעגט דעם רוח רעה: ווי אזוי ביזטו אין איהר אריין געקומען? — דער רוח האט געענטפערט: אין א פריה מארגען, ווען זי האט געהאקט מיט אנ'אייזען אין שטיין (כדי צו בעקומען פייער, פארצייטינס האבען זיי נאך נישט געוויסט פון שוועבעלעך) און דער שטיין האט באין אופן קיין פייער נישט געוואלט ארויסגעבען, האט זי איהם אווארף אין דר'ערד געגעבען מיט א קללה „דער רוח זאל דיך חאפען" און דורך די קללה, האב איך בעקומען ערלויבעניש צו איהר צו קומען, דען דריי טאג האב איך זיך ביי איהר אין שטוב צווישען מיסט געוואלגערט, און האב קיין כח נישט געהאט אין איהר אריינצוגעהן ביז ר'ר ק"לה. ער האט געזאגט אז ס'איז איהם זעהר שווער אנגעקומען צו איהר אין שטוב אריין צוגעהן, ווארום די מזוזה וואס האט געהאנגען ביי די טהיר האט איהם פיעל געשטערט און ער איז אריין, דורך א לאך פון א שויבפענסטער. ר' חיים וויטאל ז"ל האט פון איהם ארונטערגענומען דעם חרם, און דער רוח רעה איז פון איהר ארויס דורך דעם קליינעם פינגער פון לינקען פוס.

## יד.

## א רוח רעה, פון פיש אין מיידעל׳ס קערפער.

ר׳ רפאל ענף ז״ל האט געוואוינט אין די שטאדט דמשק. איינמאל פרייטאג נאך האלבען טאג, האט זיין טאכטער תמר געגעסען א קעפיל פון א פיש און נאכ׳ן עסען איז זי פערחל׳שת געווארען. מען האט איהר דערטונטערט און געלייגט אין בעט אריין. נאכהער האט מען געצונדען ליכט, חאטש ס׳איז נאך געוועזען צייט צום זמן. פלוצלינג הערט מען ווי דאס מיידעל הייסט צורופען דעם פאטער (ר׳ רפאל) און אז ער איז צו איהר צוגעגאנגען האט זי געזאגט: ווארום האסטו נישט אנגעצונדען מעהר ווי צוויי ליכט לכבוד שבת? ער האט געענטפערט: אלע שבת צינד איך נישט מעהר אן ווי צוויי. דאס מיידעל האט ווידער געזאגט: היינט זאלסטו אנצינדען נאך א דריט ליכט, דער היינטיגער שבת וועט זיין אנ׳אויסנאם. אז ער האט אנגעצונדען א דריט ליכט האט זי געהייסען אנגרייטען זיבען שטוהלען פאר זיבען תלמידי חכמים צווישען זיי אליהו הנביא ז״ל, ר׳ יוסף קארו ז״ל און ר׳ יצחק קארו ז״ל און ער האט אזוי געטהון. בעת מעשה איז דערביי געוועזען ר׳ יעקב אליטאן ז״ל און אויך ער אזוי ווי איהרע עלטערען האט זיך שטארק דערויף געוואונדערט. דאס מיידעל האט זיי נאכהער געהייסען געהן דאוונען און ר׳ יעקב אליטאן ז״ל האט זי געהייסען, נישט פאר קיינעם דערצעהלען וואס ער האט געזעהן. ר׳ יעקב ז״ל איז א היים געגאנגען צו זיך אין שטוב, אנגעטהון די שבת׳דיגע מלבושים האט דאס ווייב זיינס איהם געפרעגט פארוואס ער האט קיין צייט נישט געהאט צו קומען אביסעל פריהער, און ער האט געענטפערט אז ער איז געוועזען פערנומען מיט ר׳ רפאל׳ן וועגען געשעפט זאכען. זי האט פערשטאנען אז ער לייקענט פאר איהר, ווארום זי האט געוואוסט אז ר׳ רפאל ז״ל פיהרט נישט קיין געשעפטען פרייטאג צו ליכט צינדען, און האט געפאדערט אנ׳אמת׳דיגען תירוץ, ער האט געזעהן אז ער וועט איהר נישט קענען נארען האט ער איהר דערצעהלט אז א רוח רעה פון א חכם איז אריין אין ר׳ רפאל ז״ל טאכטער תמר, און דאריבער איז ער געוועזען פערנומען. זי האט איהם געענטפערט אז זיינע רייד זענען אהן א טעם, ווארום וויבאלד דאס איז א רוח רעה, איז עס נישט פון קיין חכם, טאמער פון א חכם, איז עס נישט קיין רוח רעה. ביני לביני איז ער געגאנגען דאוונען. נאכ׳ן דאוונען איז ער צוגעגאנגען צו ר׳ רפאל ז״ל פענסטער און אריינגעשריגען אז ר׳ רפאל ז״ל זאל צו איהם ארויסקומען. דאס מיידעל האט זיך אנגערופען: דער נארישער יעקב מיינט אז איך ווייס נישט אז ער האט אלסדינג דערצעהלט זיין ווייב, חאטש איך האב איהם דאס נישט ערלויבט. זיי האבען איהר געבעטען נישט קיין שלעכטס צוטהון איהם, און געהייסען איהם אריינקומען אין שטוב אריין. ער האט אדער מורא געהאט אריינצוגעהן אין די שטוב, וואו דאס מיידעל איז געלעגען און האט זיך בעהאלטען, אין דער ערשטער שטוב צווישען די פענסטער ווייַן. דאס מיידעל האט ווידער געשריגען: מעגסט אפער געהן פון אונטער די פענסטער, און ברויכסט זיך נישט צובעהאלטען. ער איז אריינגעגאנגען אין דער צווייטער שטוב, זיי האבען קידוש געמאכט, געגעסען און געבענטשט. געשלאפען זענען זיי שוין נישט דען זיי

זענען געווען שרעקליך צושראקען פון דעם פליצלינגען אומגליק וואס האט געטראפען מיט זייער טאכטער. ארום האלבע נאכט האט דאס מיידעל געהייסען געהן נאך ר' חיים וויטאל ז"ל דען זי ברויך איהם נויטיג וועגען אנ'ענין. מען האט איהר געענטפערט אז איצטער וועט קיינער נישט געהן אויף דער גאס וויל מען שרעקט זיך ביינאכט אין גאס צוגעהן. זי האט א צווייט מאל דאס זעלבע געפאדערט, און מען האט איהר ווייטער דאס איינענע געענטפערט. פארטאג האט זי ווייטער געהייסען געהן, און האט זיי איבערגעגעבען א סימן, אז זיי וועלען איהם טרעפען, ליגען אנ'אויסגעשלאפענער און קלעהרען, וועגען א חלום וואס ער האט פערגעסען, און דאריבער זאלען זיי איהם הייסען צו איהר קומען וועט זי איהם דעם חלום בעשיידען. זיי האבען אזוי געטהוען, און האבען איהם טאקי געטראפען קלעהרען וועגען א פערגעסענעם חלום. ער האט זיך באלד אנגעטהוען און מיט זיי געגאנגען. ווען ער איז צו איהר צוגעגאנגען האט זי איהם בעשיידט זיין פערגעסענעם חלום. איהם האט געחלומט וועגען זיבען שטוהלען מיט א חולה, האט זי איהם געזאגט אז דער חולה איז זי זעלבסט. זי האט איהם געבעהטען אז ער זאל איהר זעהן צו היילען.

נאכהער האט זי צו איהם געזאגט: איך בין איינער פון די, וואס האט א מאל געוואוינט אין צפת, שוין פערציג יאהר ווי מיין נשמה שוועבט אויפ'ן עולם התוהו צוליעב דעם, וואס זי האט נאך א שטיקעל פגם אין זיך. איינמאל—האט זי ווייטער גערעדט—האב איך געהערט ווי דאס בית דין של מעלה זוכט איינעם, וואס זאל געהן אנזאגען די שטאדט דמשק אז זיי זאלען תשובה טהוען און זיך ראטיווען פון דעם אומגליק וואס איז אויף זיי נגזר געווארען אין הימל, האב איך זיך אנגערופען אז איך וויל זיין דער שליח. מען האט מיר דאס ערלויבט און דערפאר, צוגעזאגט א תיקון פאר מיין זינדיגע נשמה. איך האב געזוכט א פלאן, ווי אזוי צוקומען אויף דער וועלט, און איך בין אריין אין איינעם פון די פיש וואס געפונען זיך אין טייך פרת. כ'האב געבעהטען ביי גאט אז איך זאל אריינפאלען צו א יודישען פישער אין דערהאנד און אזוי איז טאקי געוועזען, דער יודישער פישער האט מיך שיער פערקויפט פאר דעם רשע שלמה תגוייל, נאר מיין תפלה האט געהאלפען אז ר' רפאל ז"ל ווייב האט מיך געקויפט. ווען איהר טאכטער האט פון מיר אפגעשאבען די שופען און איך האב שמערצען געליטען בין איך אריין אין פוש'ס קאפ, דען דעם קאפ שאבט מען דאך נישט. מען האט מיך אפגעקאכט, און דאס מיידעל האט דעם קאפ געגעסען, און דאריבער בין איך אריין צו איהר אין גוף אריין, וויל זי איז א ריינע נשמה און האט א ניצוץ פון אסתר המלכה. אזוי ווי עס איז שוין געוועזען דער זמן פון שחרית דאווענען, האט דאס מיידעל זיי געהייסען געהן דאווענען און אנגעזאגט, אז זיי זאלען ערוועקען דעם עולם צו תעניתים און תשובה.

פארנאכט, ביי שלש סעודות, איז ר' חיים וויטאל ז"ל נישט מעהר געקומען צו ר' רפאל ז"ל און זיי האבען נאך איהם געוואלט שיקען, נאר דאס מיידיל האט נישט ערלויבט און האט געזאגט: ער הערט ווי דער מגיד זאגט דארטען אין בית המדרש א פרשה פיל מיט מוסר, און ער ווייס גארנישט אז די אלע שלעכטע מדות זענען טאקי אין דעם זעלבען מגיד פערהאן.

מוצאי שבת קודש, האט זי געהייסען מאכען א הבדלה אום זי זאל קאנען פערלאזען דעם מיידעל'ס קערפער. נאך הבדלה האט זי געזאגט: ר' חיים וויטאל ז"ל איז נישט געקומען, ער האט געמיינט אז איך וועל נאך איהם

שיקען, ער האט זיך דערפאר איסגעברענגט צו הערען פון מיר אזעלכע סודות, וואס נאר אין שבת'דיגען טאג קען איך זיי זאגען, און מארגען — שוין נישט. צומארגענס איז ר' חיים וויטאל ז"ל געקומען און ער האט זיך דערוואוסט, אז ער האט פיעל סודות פערשפעטיגט. ער האט געזאגט א כונה פון וואס דער רוח איז פון מיידעל ארויס דורכ'ן קליינעם פינגער פון לינקען פוס. פון דע־מאלס אן, איז דאס מיידעל צוריק געזונד געווארען.

---

## טו.

## א שלעכטע פראגע.

איינמאל האט ר' חיים וויטאל ז"ל געפרעגט דעם רבי'ן א הארב שטיקעל זהר און דער רבי האט איהם געבעטען אז ער זאל איהם אבלאזען דערפאר, וואס קען ארויסקומען א טובה פאר אלע אז ער וועט איהם דאס נישט זאגען. ר' חיים וויטאל ז"ל האט איהם שטארק געבעטען אז ער זאל איהם דאס זא־גען און דער רבי האט אלץ געענטפערט אז ער קאן איהם דאס נישט זאגען צוליעב די גרויסע סודות וואס דארטען איז פערהאן און וואס ס'איז איהם דע־רויף נישט געגעבען געווארען קיין ערלויבניש צו אנטפלעקען, וויבאלד ער וועט עס איהם אנטפלעקען, וועט ער (ר' חיים וויטאל ז"ל) דערויף חרטה האבען, און ס'וועט שוין דעמאלס זיין פערפאלען. ער האט גארנישט געוואלט הערען און געבעטען ער זאל איהם זאגען דעם פשט און סוד פון יענעם שטיקעל זוהר. דער רבי האט איהם געענטפערט אז ער מוז איהם צוליעב טהון, און ער האט איהם געזאגט די סודות פון יענעם ענין. אויסער דעם האט ער גע־זאגט אז, דערפאר וואס ער האט איהם די סודות אויסגעזאגט, וועט ער (דער רבי, רער ר"י הקדוש) דאס יאהר מוזען שטארבען, און דאס האט ער גע־מיינט, אז ער (ר' חיים וויטאל ז"ל) וועט דערויף חרטה האבען. דער רבי האט ווייטער געזאגט: מיר איז נישט א שאד מיין הויזגעזינד און דאס, וואס איך געה א וועק פון דער וועלט, מיר איז א שאד וואס איהר וועט נעבאך איבערבלייבען אליין, אהן מיר. זיי האבען שטארק געוויינט און הרטה געהאט אויף ר' חיים וויטאל ז"ל פראגע. און א פאר וואכען ארום, האט זיך דער רבי פערשלאסען אין א בעזונדער שטוב, אין א בעזונדערען הויף, וואס אויך זיינע תלמידים זענען דארטען געוועזין, איינמאל איז צווישען די תלמידים ארויסגע־קומען א מחלוקת און דער רבי איז דערפון געוואהרגעווארען, און איז א גאנ־צען שבת ארומגעגאנגען טרויעריג. זיי האבען איהם געפרעגט פארוואס ער איז טרויעריג האט ער געענטפערט, ווייל מיט זייער מהלוקת האבען זיי געגעבען די סטרא אחרא מקטרג צו זיין און טהון וואס זי וויל, און זיין גזר דין איז שוין אין הימעל, דורך זייער מחלוקת, געחתמ'ט געווארען. ווארום די גאנצע צייט וואס דער רבי האט געלעבט, האבען די תלמידים זיך קיינמאל נישט געקריגט איינער מיט'ן צווייטען.

פאר זיין פטירה האט דער רבי געבעטען זיינע תלמידים אז זיי זאלען נישט צופיעל אריינקלערען אין יענע סודות פון זוהר, דען זיי וועלען חלילה נישט מאריך ימים זיין דאדורך, ווארום דאס דור איז נישט ראוי צו אזעלכע סודות. ביי זיין פטירה איז געוועזען ר' יוסף כהן ז"ל. דער רבי האט איהם געהייסען ארויסגעהן פון שטוב, און אזוי ווי ער איז ארויסגעגאנגען, איז דער רבי נפטר געווארען דורך נשיקה. מען האט איהם, מיט גרויס כבוד, מקבר געוועזען און דער עולם, האט נאך איהם שטארק געטרויט.

דא האבען זיך שוין געענדיגט אלע וואונדערליכע מעשיות, אותות און מופתים פון דעם הייליגען געטליכען נביא ר' יצחק לוריא ז"ל (האר"י ז"ל) זיין זכות זאל אויף אונז יודען מגין זיין, און מיר זאלען געהאלפען ווערען מיט אלעם וואס מיר פערלאנגען און מיט די גרעסטע ישועה, די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

---

# ר' יחיאל מיכל פון זלאטשוב זי"ע.

## טז.

### שיער הרוגה געהאט א שוועסטער מיט א ברודער.

ר' ישראל מיט זיין ווייב און צוויי זיהן האבען זיך מפרנס געוועזען פון א קרעטשמא וואס זיי האבען געהאט אין א דארף נעבען טשעפילאוו. ויהי היום האט זיך זייער מזל א דרעה געטהוען און זיי זענען, לא עלינו, געבליבען אָהן פרנסה. געוואוסט האבען זיי אז דער פריץ וועט פון זיי פאדערען דירה געלד און חי באלד, זיי וועלען איהם נישט קענען געבען, וועט ער זיי אנטהון גרויסע צרות און דאריבער, איז ר' ישראל געגאנגען בעהטען ביים פריץ אז ער זאל ווארטען נאך א זמן מיט דעם דירה געלד וועט ער איהם נאכהער געבען פאר צוויי זמנים אינאיינעם. ער איז געווארען איבער גליקליך פון דעם וואס דער פריץ איז דערויף בעשטאנען און איז א פרעהליכער, אהיים געגאנגען אנזאגען דעם ווייב און קינדער די גוטע בשורה, אז גאט האט זיי געהאלפען און דער חריץ האט זיך אויף איהם ערבארימט.

דער צווייטער זמן איז גאנץ שנעל איבערגעלאפען, און זיין אומגלקיליך מזל איז אינאיינעם, גאנץ שנעל, ערגער געווארען אויף אזוי פיעל, אז זיי האבען נישט געהאט אויף א שטיקעל טריקען ברויט. וויפיל דער הונגער האט זיי געמוטשעט און פערענדערט זייער געשטאלט, איז אלץ פערשוואונדען געווארען בעת זיי האבען זיך דערמאנט אז דעם פריץ'ס לעצטער טערמין איז שוין אויך איבערגעלאפען. און גאט ווייסט וואסער אומגליק עס שטעהט זיי פאר!

געוועהנליך, האט דער פריץ געפאדערט געלד, פאר דער קרעטשמא, פאר צוויי זמנים און זיי האבען נישט געהאט צוגעבען. ער איז שטארק אין כעס געווארען און האט בעפוילען, מען זאל איהם, זיין פרוי מיט זייערע צוויי זיהן פארבלייגען אין א טיעף גרוב און דארטען, זיי דערלאנגען יעדען טאג ברויט מיט

וואסער, און מען האט באלד אלעס געטהוען, אזוי ווי ער האט געהייסען. דער פריץ האט געהאט צוויי בעדינער איינער האט געהייסען לודוויג און דער צווייטער איוואן. לודוויג איז געוועזען א גרויסער שונא ישראל, א פיאק און בכלל שלעכטער צוויידען מענש, דאגעגען איוואן איז געוועזען אן ארענטליכער קריסט, האט נישט געהאט קיין קינדער און צוליעב דעם האט ער יעדער איינציגען ארענטליך בעהאנדעלט, אהן אונטערשייד א גוי, צי א יוד. אט די צוויי קריסטען האט דער פריץ איבערגעגעבען די שמירה ביים גרוב, ווי דער אריסטער ר' ישראל מיט זיין ווייב און קינדער זענען געלעגען, און לויט א געוויסען פלאן, האבען זיי זיך געטוישט מיט דער שמירה, דאס הייסט: ביידע זענען קיינמאל נישט געשטאנען בעיאנד, נאר ווען דער צווייטער איז אנגעקומען איז דער ערשטער אוועקגעגאנגען.

אין דעם גרוב איז דורך עטליכע חדשים געשעהן א שרעקליכע הארצרייסענדע סצענע: ר' ישראל'ס ווייב האט איהם געבוירען א קינד (דען זי איז א מעוברת'ע איינגעזעצט געווארען אין גרוב, אהן רחמנות) און וויל מען האט דאס קינד ווי געהעריג נישט ארומגעוואשען, איז דאס קינד און עטליכע טעג דערנאך, געשטארבען. פון דעם טוידטין קינד איז אנגעלאפען ווערים, און דאס האט געבראכט דערצו, אז איינער פון זיינע צוויי זיהן, דער עלטערער, איז אין א קורצע צייט ארום, אויך געשטארבען. דאמאלס האט זיך איצטער געמאכט דאס רעכטע אומגליק; די ווערים—פון איין זייט און דער שרעקליכער שלעכטער ריח—פון דער צווייטער זייט, האט זיי דריי, דעם כח אוועקגערויבט, און האבען מיט בלוטיגע טרעהרען געבעהטען דעם טוידט. ווי זאגט מען אדער?—„צו צרות איז מען שטארק”, יא, דאס איז, נעבאך, א ביטערער אמת! גאט האט זיי געהאלפען, און זיי האבען צו דעם אלעם כח געהאט.

דער פריץ האט אנגעזאגט די שומרים, זיי זאלען איהם זאגען אין וואסער מעמד דער יוד מיט די קינדער געפונען זיך, און זיי האבען איהם דאס ערפיהלט.

דער שומר לודוויג האט נחת געשעפט דערפון, ווען ער האט געזעהן דעם יוד'ס ביטערען מעמד, און האט זיך, בעת מעשה, געטראכט „איהר לעבט נאך?!” נאר אייער, איוואן, האט זייער אומגליק, ביי זיך אין הארץ געפיהלט, און געזוכט עצות זיי צו ראטירוען, און ער האט געפונען א גוטע עצה.

בלילה ההוא, און יענע פינסטערע נאכט, ווען איהרע שווארצע וואלקינס האבען זיך מיט אלע קרעפטען געשטארקט, א שפור פון ליכטיגקייט צו פערשווינדען, האט זיך דעם יוד, ר' ישראל'ס, מזל געשטארקט און דאך מנצח געוועזען די אלע שלעכטע וועגען, און דער קריסט, איוואן, האט צום יוד א זאג געטהוען: „מענטש, אומגליקליך באשעפעניש; אומגליקליכער! דיין מזל איז ערוועקט געווארען צום גוטען, און דיין גאט האט דיר געהאלפען איסגעלייזט צו ווערען. נעם דאס פלעשיל בראנפען און דיינע הענט און, אז לודוויג וועט שפעטער צו דיר קומען, זאלסטו איהם מכבד זיין מיט בראנפען”. א בליק וואס האט בעוויזען א שמייכעל פון דאנקבארקייט פון אן אומגליקליכען האט זיך אויף ר' ישראל'ס געזוכט בעוויזען, און ער האט צוגעזאגט, אלסדינג צוטהוען, חאטש ער אליין האט נאך נישט געוואוסט צי וואס דאס וועט איהם ברענגען. דער גוטער איוואן, זעהנדיג לודוויגען

אָנקומען, איז ער פֿונ׳ם גרוב אַוועקגעגאַנגען, צוגרייטען אַלעם נויטיגעס צודאַטיוועץ ר׳ ישראל׳ן מיט זיין ווייב און זוהן.

לודוויג איז ווי אַ מערדער צום גרוב צוגעגאַנגען זעהן וואָס מיט זיי הערט זיך. ער האָט באַמערקט אַ פֿלעשעל בראָנפֿען און, נישט קלערענדיג, פֿון וואַנען איז צו זיי געקומען בראָנפֿען, האָט ער צו זיי אַריינגעלאָזט אַ שטריק, און אַרויסגעצויגען דעם בראָנפֿען, ער האָט דעם גאַנצען „ביטערען געטראַנק״ אויסגעטרונקען, און צייט אַ פֿיערטעל שעה איז ער אויף דר׳ערד געליגען ווי אַ געהאַרגעטער. באַלד איז איוואַן אָנגעקומען מיט אַ געשפּאַנטער פֿוהר, האָט אַראָפּגעלאָזט, אין גרוב, אַ געזונדטען זיין שטריק און האָט אַרויפֿגעצויגען ר׳ ישראל׳ן מיט ווייב. פֿון גרויס „שרעק־שמחה״ האָבען זיי אָן זייער איינציגען, אַנדערהאַלבען יעהריגען זוהן, פֿערגעסען, און זענען פֿון דאָרטען אַוועקגעפֿאָהרען, ביז איבער די גרעניץ. אויף יענער זייט גרעניץ, (יענער זייט גרעניץ מיינט מען: דאָס אָרט ווי דער פּריץ האָט דאָרטען קיין דעה נישט) האָט איוואַן זיי געגעבען עטליכע רובל אַז זיי זאָלען האָבען חיונה ביז וואַנען זיי וועלען קומען צו אַ שטיקעל פּרנסה, זיי האָבען איהם געקושט און געדאַנקט, און ער איז אין די זעלבע ווינטער נאַכט, צו זיך אַהיים געפֿאָהרין, און קיינער אויסער ער, האָט פֿון דעם גאָרנישט געוואוסט.

צומאָרגינס, נאָך איידער ער האָט בינדאַרפֿט געהן זיך טוישען מיט לודוויגען האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דאָס גאַנצע דערפֿיל מוט׳ן פּריץ בראש ווייסען שוין אַז לודוויג האָט זיך אָנגעשכור׳ט, אַז ר׳ ישראל מיט זיין ווייב זענען אַנטלאָפֿען, אַז לודוויג ליגט שוין אין קאָזע און דער עיקר דאָס, וואָס ער אַליין האָט אויך נאָכנישט געוואוסט: אַז אין גרוב איז געבליבען זייער׳ס אַנ׳אומגליקליך פֿערלאָזט קינד. ער האָט שוין נישט בעדאַרפֿט צו געהן היטען דעם „ליידיגען גרוב״ און איז געגאַנגען צום פּריץ זיך בעטייליגען און דעם פּסק דין אויף לודוויגען. לודוויגען האָט מען געפּסקנת מיתה, און מען האָט זי אויסגעפֿיהרט. דאָס קליינע קינד האָט מען געגעבען איוואַנען, וואָרים ער איז געוועזען קינדערלאָז. אַז דאָס קינד איז אונטערגעוואַקסין, האָט ער איהם איבערגעגעבען זיינע עטליכע בהמות צופּאַשען אין פֿעלד.

אין אַ צייט אַרום, האָט זיך דער קליינער צוקריגט מיט זיינע קאָלעגען די פּאַסטוכער, און זיי, ווייסענדיג די גאַנצע מעשה אַז ער שטאַמט פֿון יודען, האָבען אויף איהם געשריגען „זשיד״. דער קליינער איז בייז געוואָרען פֿון דעם זידעל נאָמען און האָט זיי געענטפֿערט אַז נאָר זיי זענען זשידעס. זעהענדיג דאָס, האָבען זיי איהם אויסגעוויזען אַז דערפֿאַר איז נאָר ער אַ זשיד און זיי נישט, ווייל ער איז געמל׳ת און זיי—ניט. מיט אַ ברויגעזע מינע איז ער צו זיינע מכלומר׳שטע עלטערין אַהיים געלאָפֿען און אַלעס דערצעהלט, זיי האָבען איהם אָפּגענאַרט און געזאָגט אַז על פּי סבה האָבען זיי איהם געמוזט מל זיין, און ביים קליינעם איז אַראָפּ דער כעס. פֿון דאַמאָלס אָן, ווער ס׳האָט זיך מיט איהם צושלאָגען האָט ער הויך געשריגען זשיד נישט זשאַליעוועדיג קיין כח. דער אמת מוז דאָך אָדער קאַפּויר קומען. און זיי האָבען איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה פֿון ווען ער שטאַמט און ווי אַזוי זיינע עלטערען זענען. אַ דאַנק דעם שכור׳ן לודוויג, געראַ-

פּיוועט געוואָרען, און אויסגעוויזען אז זיי אויף איהם קענען ווייטער שרייען זשיד. אבער ער אויף זיי — ניַשט, דען אנדערש וועלין זיי איהם צום טוידט שלאָגען.

די מעשה איז איהם גוט געקראָכען אין קאָפּ אריין, און ער איז בעפּאלען מיט ווייַנענדע בקשות איוואַנען, אז ער זאָל איהם קלאָר מאַכען זיין רעטעניש. ניַשט קענענדיג איהם אָבווענדען, האָבען זיי איהם אלעס דערצעהלט. זיי האָבען געמיינט אז ער וועט ווערען רוהיגער, לסוף איז ער געוואָרען אומרוהיגער און פון זיי פערלאנגט, אויף איהם רחמנות צו האָבען און אוועקשיקען צו זיינע עלטערען. איוואַן האָט אָדער דאָס ניַשט געקאָנט טהון ביי זיך אין שטוב, וואָרום דער פּריץ וואָלט איהם געוויס דערין חושד געווען און ממילא, וואָלט מען זיך שוין דערוואוסט ווער ס׳האָט זיינע עלטערען געראַטעוועט פון וואָס איהם איז געקומען א שטרענגע שטראָף, און האָט בעשלאָסען א נייעם פּלאַן צוקלערהרען ווי אזוי איהם צוראַטעווען.

ער איז אוועק צום פּריץ און האָט איהם פּערצעהלט וואָסערע צרות דער יודישער יונגעל ליידט ביי איהם פון די רעשט פּאַסטוכער און עס איז געבליבען, אז ער זאָל ווערען דעם פּריץ׳ס בעדינער, און אזוי ארום וועט יעדער פּאַר איהם דרך ארץ האָבען, און אויפהערען שרייען זשיד.

איוואַן האָט דערצעהלט דעם יונגעל אז ער וועט ווערען דעם פּריץ׳ס בעדינער צוליעב דעם, ער זאָל זיך קענען ראַטעווען. ער האָט איהם דאָרטען אהין געפיהרט, און אויפ׳ן וועג איהם בעשטימט א צייט, וואָס ער זאָל פון פּריץ׳ס שטוב אַנטלויפען, צו איוואַנען.

עס איז איבערגעלאָפען א האַלב יאָהר, דאָס איז געווען חנוכה צייט, און דער קליינער יונגעל איז אין מיטען דערנאַכט אַנטלאָפען פון פּריץ׳ס שטוב צו איוואַנען און פון דאָרטען, איז איוואַן מיט איהם אוועקגעפאָהרען ביז נאָך רי־נרעגיין. ער האָט איהם דערצעהלט דעם אמת ווער ס׳האָט זיין פאָטער געראַטעוועט, איהם געגעבען עטליכע רובל, זיך געזעגענט מיט איהם און איז צוריקגעפאָהרען אין שטאָדט אריין. צומאָרגענס האָט מען זיך דערוואוסט אז דעם פּריץ׳ס בעדיענער פעהלט, מען האָט איהם אומעטום געזוכט נאָר אין ערגיץ ניַשט געפונען.

פון די פּאָר רובל וואָס ער האָט בעקומען פון איוואַנ׳ן, האָט ער זיך געקייפט יודישע מלבושים. וואו ער איז געקומען האָט מען איהם זעהר פיין אויפגענומען דען ער האָט געוויזען אז ער איז גע׳מל׳ת. איינמאָל איז ער געקומען קיין זלאַטשוב אין בית המדרש אריין צום הייליגען רבי׳ן ר׳ יחיאל מיכל זצ״ל און האָט איהם אלסדינג דערצעהלט. דער רבי האָט איהם גענומען צו זיך א היים, איהם געהאַלטען ווי אנאייגען קינד און פּאַר איהם צוגענומען א מלמד וואָס זאָל איהם אָנהויבען לערנען יודישקייט, וואָרום ער איז דאַמאָלס אלט געווען צעהן יאָהר און גאָרניַשט געוואוסט. מען האָט איהם א נאָמען געגעבען „מאיר״. ער האָט געלערינט מיט חשק און אויף זיין בר מצוה האָט ער געהאַלטען אַנ׳אייגענע דרשה וואָס האָט דיים עולם שטאַרק געפעלען. ביי מלמדים האָט ער געלערענט ביז פופצעהן יאָהר און נאָכהער, האָט דער רבי אליין גענומען מיט איהם לערנען דען מען האָט פאַר איהם, אין ערגעץ קיין רבין ניַשט געפונען, אזא גוטען קאָפּ האָט ער געהאַט.

זעהנדיג אז ער איז שוין א בחור פון זיבצעהן יאהר, און איז א גרויסער חריף, משלם און למדן אפילו אין קבלה, האט דער רבי צו איהם געזאגט: דו ווייסט דאך אז די הייליגע תורה זאגט בן שמונה עשרה לחופה — צו אכטצעהן יאהר בעדארף מען חתונה האבען, על כן וויל איך דיר ארויסגעבען א תשובה פאר דיינע מעשים ביים גוי אין שטוב, כדי דו זאלסט זיין אנ'אמת׳ער ערליך הייליגער יוד און דאריבער, מוזט אויף דיר נעמען א גאנץ יאהר גלות צוליעב דאס, וועט זיין אנ'אפקימעניש פאר דיינע שלעכטע מעשים. מאיר'ן איז זעהר שלעכט געוועזען זיך אפצושיידען פון אזא ליכטיג הויז וואס אי תורה, אי אנדערע זאכען האט איהם קיינמאל נישט געפעהלט נאר, בנוואלד, האט ער אזוי געמוזט טהוען, ווען דער רבי האט אזוי געהייסען. דער רבי האט אנגעשריבען עטליכע ווערטער אויף א שטיקעל פאפיר און האט עס איהם צוגענייט צום טלית קטן און איהם געאסר׳ט דערין צולייענען ביז פאר דער ה[illegible]ה זיינע און דאן, זאל ער עס נישט לייענען אליין, פאר זיך נאר ער זאל צוזאמענרופען די אונטערפיהרערס מיט דעם שטאד'ס רב, און פאר זייערע אויגע לייענען. דער רבי האט זיך מיט איהם געזעגינט, און איהם שטרענג פערבאטען זיך אין ערגיץ נישט בעוויזען מיט זיין תורה פריהער ווי דעם סוף יאהר. ער האט איהם בעגלייט אביסעל אונטער דער שטאדט. און האט צו איהם געזאגט אז אין סוף יאהר זאל ער א שידוך טוהען מיט דעם. וואס יענער וועט איהם געפעלין, און נישט פערגעסין, וועגין זיין צוזאג מכח דאס בריוועלע פון טלית קטן. דער רבי איז אהיים געגאנגען צו זיך אין דער אריסער מאר, האט אנגעהויבען אפרעכטען גלות. וומער האט ער זיך נישט געשראקען פאר די ברענענדיגע זון און ווינטער, פאר די שרעקליכע קעלט, און האט אלסדינג, אין בעסטען ארדנונג מקיים געוועזען ביז, אין סוף יאהר, בעת איהם איז אויסגעקומען צו נעכטיגען אין א קרעטשמא אין א דארף פאר סאסנאוויץ: דארטען, אין דער קרעטשמא, האט ער געהערט זיינע צוויי קינדער לערנען, בעמערקענדיג זייער טעות אין א שטיקעל רמב״ם האט ער עס זיי געגעבען צו פערשטיין, און די קינדער האבען זיך גארנישט געקאנט אויסווינדערין. זעהענדיג אז דאס טרעפט שוין ביים דריטען מאל, וואס זיי און זייער רבי ווייסען נישט און מוזען אנקומען צו איהם, האט זייער פאטער בעשלאסען אז ער זאל זיין זייער רבי, און זייער געוועזענער רבי זאל לערנען מיט זיינע צוויי קלענערע קינדער, און אזוי איז טאקי געוועזען.

זייער מנהג איז געוועזען אלע ערב שבת צוגעהן אין שטאדט אריין. איינמאל, ערב שבת, האבען זיי איהם (מאיר'ן) געבעהטען אז ער זאל מיט זיי מיטגעהן און ער איז מיט זיי מיטגעגאנגען אין שטאדט אריין מיטנעמענדיג א יורה דעה אונטער זיין ארום. אויפ'ן וועג האט ער זיי געזאגט א חידוש אין יורה דעה און זיי געהייסען געהן פרובירען דעם רב פון סאסנאוויץ און זעהען, צי ער ווייסט דעם חידוש. זיי האבען אזוי געטהוען. דער רב האט נישט געוואוסט און זיי האבען איהם געזאגט. ער איז שטארק נתפעל געווארען דערפון און זיי געבעהטען, אז זיי זאלען איהם זאגען פון וואנען דער חידוש שטאמט, אך זיי האבען נישט געוואלט זאגען, מורא האבענדיג. טאמיר וועט ער איהם

(מאיר'ן) פון זיי צונעמען און זיי וועלען נישט האבען פון וועמען צו הערין און לערנען אזעלכע ועלטענע חידושים. דער רב האט זיי שטארק בעשוואירען און זיי האבען איהם אויסגעזאגט, ער האט זיי געבעהטען אז דעם קינפטיגען ערב שבת זאלען זיי מיט זייער רבין צו איהם קומען, און האלטען ביי איהם שבת, און זיי האבען איהם דאס געמוזט צוזאגען. עס איז איבערגעלאפען די וואך. דער רב פון סאסנאוויץ האט מיט אונגעדולד ערווארט זייער קומען, און פרייטאג פארנאכט האט ער זיי באגעגינט געהן מיט זייער רבין. די שמחה איז ביי איהם געוועזען זעהר גרויס. ער האט מיט איהם פרובירט שמועסין אין לערנען און האט געזעהן, אז ער וועט איהם נישט בייקומען. עס איז איהם (דעם רב) איינגעפאלען א געדאנק אז דער בחור וואלט גוט געוועזען צו זיין זיין איידעם, און ער איז ארייין צו זיין טאכטער, און איהר געהייסען זיך האלטען אין ארד־נונג, און זי האט שוין פערשטאנען וואס דער פאטער איהרער מיינט דערמיט. זיי זענען געגאנגען דאוונען און נאכ'ן דאוונען האט זיי דער רב פערבעהטען צו זיך אין שטוב אויף דער סעודה. (דער רב איז געוועזען זעהר רייך, זיין מעביל איז געווע־זען פונם שענסטען און בעסטען וואס קען זיך נאר ביי די רייכע געפונען.) זיי, דער רב מיט די 3 בחורים זענען געזעסען ביי איין טיש און ביים צווייטען טיש איז געזעסען דעם רב'ס ווייב מיט זייער טאכטער. די גאנצע צייט פון עססען האט מען כסדר געשמועסט אין לערנען, דאס זעלבע איז פארגעקומען צומארגינס א גאנצען טאג, ביז אין אבענד נאך הבדלה, ווען זיי האבען זיך הערצליך, געזעגינט מיט'ן רב און געפאהרען צוריק אין דארף אריין.

ויהי כבואם, אזוי ווי דעם אייגענטימער פון דער קרעטשמא'ס קינדער מיט זייער רבין זענען אהיים געקומען, האבען זיי דעם פאטער ווייערען דער־צעהלט דאס פערגאנגענע און דער עיקר, אז זיי האבען בעמערקט ווי דער רב וויל איהם פאר אנ'איידעם, על כן בעהטען זיי דעם פאטער אז ער זאל, ווי אמשנעלסטען מיט איהם א שידוך טהוען מיט זייער שוועסטער. דער פאטער האט זיך וועגען דעם מיישב געוועזען מיט זיין ווייב און טאכטער און ביי זיי איז געבליבען, אז זיי מוזען דאס גליק שנעל צוהאפען. רען וויבאלד זיי וועלען לאנג ווארטען וועט דער רב איהם פאר אנ'איידעם נעמען. דער פאטער האט אריינגערופען דעם בחור (מאיר'ן) צו זיך אין א בעזונדער צימער, און האט איהם דערצעהלט אז ער וויל איהם פאר אנ'איידעם. דער בחור, געדענקענדיג דעם הייליגען רבין ר' יחיאל מיכל'ס רייד (אז וואו מען וועט איהם וועלין זאל ער דערויף בעשטיין) איז בעשטאנען אויף זיין פארשלאג. זיי האבען זיך צוקישט און איינער דעם צווייטען געווינשען מזל טוב. מען האט תנאים געשריבען און בעשטימט דעם זמן החתונה אויף צוויי וואכען שפעטער, נישט לענגער ווי ס'בעדארף דויערין די מלבושים צומאכען פאר חתן און כלה.

עס איז איבערגעלאפען די צוויי וואכען, און ס'איז אונטערגעקומען דער חופה טאג. אויף דער חתונה זענען געוועזען א גרויסער עולם, פון די געבעה־טענע געסט און דער רב פון סאסנאוויץ. דער רב איז שטארק טרויעריג גע־ווארין, בעת ער האט דערזעהען דעם חתן, נאר פערפאלען ער וועט זיך שוין גארנישט קענען העלפען, דאריבער האט ער ארויסגעשלאגען דאס אלעס פון

זײַן קאָפּ און האָט געפּרובט הערען דעם חתנ׳ס דרשה וואָס איז געווען אַזוי טיף קבלה, אַז אפילו ער האָט זי, כמעט, נישט פערשטאַנען. נאָך דער דרשה האָט דער בדחן אַ געשרײַ געטהון מען זאָל נעמען דאָס אונטערפיהרען בײַם חתן, נאָר אַזוי ווי דער חתן האָט נישט געהאַט קײן עלטערין זענען די אונטערפיהרערס געווען פרעמדע מענטשין. ער האָט זיך דערמאַנט וועגען דעם שטיקעל כתב יד וואָס אין זײַן טלית קטן איז אַנגענײַט, און האָט געבעהטען די אונטערפיהרערס מיט דעם סאָסנאָוויצער רב און דעם „חדר מיוחד" אַרײַן און דאָרטען, האָט ער אויפגעריסען דאָס פערנײַהטע און אַרויסגענומען דאָס כתב יד און געגעבען דעם רב צו איבערלײַענען. דער רב איז געבליבען שטעהן ניערקלעהרט און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערין, דען אינווײַניג איז געווען געשריבען „היתכן שיקח אח את אחותו?"—צי איז גלײַך אַז אַברידער זאָל חתונה האָבען מיט אַנ׳אײַגענע שוועסטער?—דערווײַל איז אָנגעקומען די כלה׳ס פאָטער און איז געוואויר געוואָרען פון דעם קוויטעלע. מען האָט אָנגעהויבען פרעגען דעם בחור פון וואַנען ער שטאַמט (צוליעב אײַלעניש האָבען זײ איהם גאָרנישט געפרעגט פאַר די תנאים וועגען זײַן גרונדליכען אָפּשטאַמונג. זײ האָבען נאָר געוואוסט אַז ער האָט קײן עלטערין נישט, אַזוי ווי ער האָט זײ, בײַ זײַן אָנקומען, געזאָגט.) און ער האָט זײ אַלסדינג דערצעהלט. עס ווערט זײַן גאַנץ איבעריג פון מיר, צו בעשרײַבען ווי אַזוי דאָס איבערקעהרעניש איז דענסטמאָל שטאַנגען, און ווי אַזוי די אויסגעמישטע פון לײַדען און פרײַדען קישען האָבען אויסגעזעהן אינאײַנעם מיט די קוויטשערײַען און חלשות׳ן, מיט אײן וואָרט: דאָס וואָס איז דאַמאָלס דערבײַ געווען האָט נאָך אַזוינס צײַט זײַן לעבען נים געזעהן. באַלד דערנאָך איז מען געגאַנגען צום טיש, און דער באַל איז שוין נישט געווען צוליעב די חתונה נאָר צוליעב דעם געפונענעם זוהן און צוליעב דעם גרויסען נס וואָס זײ איז געשעהן, דורך די הילף פון דעם הײליגען צדיק ר׳ יהיאל מיכל ז״ל וואָס האָט מיט נביאות געוואוסט וואָס שפּעטער וועט זײַן, און האָט פערהיט פון אַזאַ געפעהרליכען שריט.

פון די אַלע אונציפרידענע איז אײנער געזעסען, וואָס נאָך די געשיכטע האָט זײַן פּנים געלײַכטען פון שמחה. דאָס איז געווען דער סאָסנאָוויצער רב, דען ער האָט געזעהן אַז מן השמים איז באַשעהרט אַז דער חתן זאָל זײַן אײדעם אַזוי ווי עס איז טאַקי שפּעטער געוואָרען.

---

## ר׳ נפתלי פון פּוזנא ז״ע

### יז.

### מבטל געמאַכט די גזירה רעה.

דער הײליגער צדיק ר׳ נפתלי ז״ע איז געווען רבי אין אַ קלײַן אָרים שטעדטיל און האָט אַלײן אײך נישט געהאַט פון וואָס צולעבען, אַז ער האָט

זיי געוואלט ארויס העלפן פון זייער ארימקייט און איינאנעם זיך זעלבסט א טובה טהוען, איז געוועזען זיין מנהג, ביי זיי צובעהטען א שעהנע מתנה. אז זיי האבען איהם געקויפט די מתנה זענען זיי און זיין זכות געהאלפען געווארען. די שטאדטס לייט ווי זיי האבען געזעהן אז מיט זייער מתנהג עבען בעקומען זיי הצלחה האבען פון איהם פערלאנגט אז ער זאל וואס מעהר מתנות פון זיי פאדערין. איינמאל איז אויסגעקומען עטליכע גרויסע לייט אדורך צופיהרען דורך יענעם שטעדטיל א וואונדערבאר קעסטילע, פון וואס די גאנצע שטאדט איז געלאפען בעקוקען דאס ניימס. אויך דער רב איז עס געגאנגען בעקוקען און האט בעמערקט אז אין עפענען דאס טהירעל פון דעם װאונדערבארען קעסטיל שטעקט אגרויסער סוד, אוז ער האט זיי געבעהטען איהם טהוען די טובה און ווייזען ווי ארים דאס טהירעל צו עפענען. זיי האבען איהם צוליעב געטהוען און ער האט אונוויניג, אויף ס'ניי בעמערקט אונגעהויער גרויסע וואונדער. ער איז אהיים געגאנגען און אויפ'ן גאנצען וועג האט ער אלע געטראכט וועגען דעם קעסטעלע, ווילענדיג פרובען זיינע שטאדט'ס לייט צי זיי האבען בטחון צום אויבערשטין, האט ער בעשלאסען צופאדערען פיי זיי פונקט אזא קעסטעלע וויאס ער האט אין יענעם טאג געזעהן, און ער האט געשיקט א בריוועל צו עטליכע חשובים וועגען דעם. זיי האבען איבערגעלייענט דאס בריוועל און זעהענדיג, אז דאס איז פאר זיי אונמעגליך, זייער גאנצע עשירות וועט נישט סטייען דערויף האבען זיי בעשלאסין, איהם גארנישט צו ענטפערין און ממילא וועט ער שוין פערשטיין אז זיי קענען איהם, דאס מאל, נישט צוליעב טהוען, אויפ'ן צווייטען טאג האבען זיי ווידער פונ'ם רבין ערהאלטען וועגען דעם קעסטעלע א בריוועל. זיי האבען געמאכט אנ'אסיפה וואס מען זאל טהוען צי מען זאל איהם ווייטער נישט ענטפערין, צי מען זאל צו איהם שיקען עטליכע מענטשין וואס זיי זאלען איהם גיבען צו פערשטיין אז ער פאדערט פון זיי צושטארק. דער צווייטער פונקט איז זיי אלעם שטארק געפאלען און בהסכם כולם האט מען אויסגעקליבען דריי מענטשין מיט געשליפענע צינגלעך און זיי געשיקט צום רבין. אז דער רבי האט זיי ביי זיך אין שטוב דערזעהן האט ער זיי געפרעגט וועגען וואס זיי זענען געקומען. עס האט זיך פון זיי אנגעהויבען צו שיימען אנטווארטען. דער ערשטער האט געענטפערט: מאכט אייך נישט נאריש און פאדערט נישט פון אונז אזעלכעס, וואס מיר וועלען אייך נישט געבען; דער צווייטער האט געענטפערט אביסעל געלאסענער ווי דער ערטשער און האט געזאגט: רבי, פאדערט נישט פון אונז אזעלכעם וואס מיר קענען באין אופן נישט צוליעב טהוען; דער דריטער האט געענטפערט מיט מעהר דרך ארץ ווי די ערשטע צוויי גאר אויך אין זיינע רייד האט מען דערקענט עזות, ער האט געזאגט: רבי, לאזט אונז צורוה, מיר זענען נישט אומשטאנד אייך צוגעבען אזעלכעס, צעהן אזעלכע שטעדטליך ווי אונזער'ע וועלען קיינמאל אין דער וועלט אזעלכעס נים אויספיהרען, על כן בעהטען מיר פון אייך אז איהר זאלט אונז נישט אנטוהען קיין עגמת נפש מיט אייערע בריוועלעך. אז זיי האבען אפגערעדט האט דער רבי זיי אויפסניי געפרעגט צי זיי וועלען איהם שענקען אזא קעסטעלע ווי יענץ און אלע האבען מיט איין קול געענטפערט אז נישט. דאס האט דעם רבין שטארק פערדראסען און ער

האָט צו זיי געזאָגט: נו, איך וועל אייך יאָ געבען מתנות, אָבער גאַנץ נישט קשהדיגע. דו, (דער ערשטער) וועסט דאָס יאָהר נישט ענדיגען; דו (דער צווייטער) וועסט אין דעם יאָהר בעגליקט ווערען מיט אַ גרויס פערמעגען, דיין סוף וועט אָדער זיין אַז דו וועסט אַריינפאַלען אין רויבערישע הענט און דאָרטען, וועסטו דיין טוידט בעקומען; דו, (דער דריטער) וועסט בעגליקט ווערען מיט עשירות און מיט אַ געראָטענעם זוהן, האָטש דו האָסט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט קיין קינדער, נאָר ווען דיין זוהן וועט אַלט ווערען דרייצעהן יאָהר וועט ער זיך שמד'ען (טויפען.) זיי האָבען זיך פון זיינע רייד כמעט ווי אויסגעלאָכט, און זענען פון זיין שטיב אַרויסגעגאַנגען. אַזוי, ווי זיי האָבען די סחורה פערמאַכט, זענען אָנגעקומען די דיינים, וואָס פלעגין אַלע טאָג קומען צום רבין. בעת דער רבי האָט זיי דערזעהן האָט ער געשיקט נאָך משקה. ער האָט צו זיי געטרונקען לחיים און געזאָגט: ווינשט מיר מזל טוב, אַ דאַנק דעם אויבערשטען בין איך אויסגעקליבען געוואָרען פאַר רב אין פוזנאַ. זיי האָבען איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט און האָבען נישט פערשטאַנען, וואָס זיינע ווערטער בעדייטען. נאָכדעם ווי זיי האָבען אַלעס בעי איהם אין שטוב געקאָנטשעט זענען זיי פון איהם אַוועקגעגאַנגען נישט צו זיך אין שטוב אַריין, נאָר צו די חשובע לייט פון די שטאָדט און זיי דערצעהלט, וועגען דעם מזל טוב וואָס דער רבי האָט זיך געהייסען ווינטשען. די שטאָד'ס לייט האָבען רוהיג אַ טאָך געטהוען מיט זייערע הענד, אַקוראַט ווי איינער זאָגט „נישקשה, ער וועט אונז נישט אַפלאָזען, וואָרום עס פעהלט איהם גאָרנישט בעי אונז” און האָבען גאָרנישט געוואָלט הערין אַריינקלעהרען. זיי האָבען אָדער אַ ביטערען טעות געהאַט: אין דריי טאָג אַרום איז צו זיי אין שטעדטיל אַראָפגעקומען עטליכע חשובע לייט פון פוזנאַ. מיט אַ בריף צום רבין, אַז ער זאָל שוין מיט זיי מיטפאָהרען קיין פוזנאַ. און דאָרטען וועט ער ווערין רב און ראש ישיבה. דער רבי האָט זיך געגומען גהייטין אין וועג אַריין. דאָס איז מען באַלד געוואויר געוואָרען אין שטעדטיל אין אַלע, זענען געקומען איבערבעהטען דעם רבין און בעי איהם פועל'ן, אַז ער זאָל זיי נישט איבערלאָזען ווי יתומים, ער, דער רבי, האָט זיי געענטפערט אַז אַזוי ווי עס איז מעגליך אַז הימל און ערד זאָלען בעהעפט ווערען אין איינם, אַזוי וועט ער ווייטער בלייבען בעי זיי אין שטאָדט אַלס רב. ער האָט זיך מיט זיי געזעגינט און איז אַוועק געפאָהרען קיין פוזנאַ. דאָרטען האָט מען איהם פיעל כבוד אָנגעטהוען, און ער איז דאָרטען געוואָרען רב און ראש ישיבה.

אַזוי ווי ער האָט פערלאָזט זיין שטעדטיל, האָט דאָרטען אָנגעהויבען מקויים צו ווערען די קללות אויף די דריי שלוחים וואָס זענען צו איהם געהאַט געקומען מיט עזות רייד. דער ערשטער איז פליצלינג געשטאָרבען; דער צווייטער איז וועגען גרויסע געשעפטען געפאָהרען, און אויפ'ן וועג האָבען איהם גזלנים דערהרג'ט; דער דריטער איז זעהר רייך געוואָרען און זיין ווייב האָט איהם געבוירען אַ זעהר געראָטענעם זוהן—שמעון. אַז דער שמעון איז אַלט געוואָרען צעהן יאָהר איז די גאַנצע שטאָדט פיל געוועזען פון זיין שאַרפען הילדישען קאָפּ. ווער ס'איז געוועזען צופרידען און נחת געשעפט האָט אָדער

גישט געשפירט די וואונדער וואס זענען געוועזען ביי שמעונ'ס פאטער אין הארץ. וואָרום זעהנדיג דעם סוף פון די ערשטע צוויי האט ער געוואוסט אז אויך אויף איהם וועט מקויים ווערען דער רבינ'ס קללה און ער האט געזוכט אנ'עצה אז ער זאל זיך חאטש קענען ראטיווען, און מענטשען זאלען אויף איהם מיט זייערע פינגער נישט טייטלען אז ער איז דעם משומד'ס פאטער.

אין דעם זעלבען שטעדטיל איז געוועזען איינער וואס מ'האט איהם גערופען „שלום דער בעהטלער" זיין פרנסה האט ער געצויגען דערפון, וואס ער פלעגט ארום פאהרען, אויף זיין אייגען וועגעלע, פון איין שטאדט אין דער צווייטער צונויף קלויבען נדבות. אט צו דעם בעהטלער האט זיך שמעונ'ס פאטער געווענדעט מיט א ביטע אז ער זאל איהם אוועקפיהרען אין א פרעמדע שטאדט, און דארטען איהם איבערלאזען אויף א זיכער ארט, כדי ווען ער וועט זיך שמד'ען זאל קיינער נישט וויסען ווע מינס זוהן ער איז. ער האט איהם צוגעזאגט דערפאר גוט צובעלוינען און האט איהם געגעבען פאראויס פאר א גאנץ יאהר.

אין מיטען דערנאכט, ווען דער קליינער שמעון איז אויף זיין וויידך גבוריש אויסגעבעט געלעגער געליגען, נישט חלומענדיג אפילו פון דעם געוועזענעם טאג, האט איהם „שלום דער בעהטלער" א שלאפענדען צו זיך אויף דער פוהר ארויפגעלייגט. די עלטערען האבען דעם בן יחיד זייערען מיט בלוטיגע טרעהרען און מיט הייסע ברענענדע קישען, זיין פנים בעדעקט, און זענען באלד פון איהם, ווי פון א גרויס אומגליק, אוועקגעלאפען. אזא שרעקליך טרויעריגען איינדרוק האט אויף זיי דער געדאנק וועגען זייער זוהנ'ס שמד געמאכט.

ער איז מיט איהם אוועקגעפאהרען אין א פרעמדע שטאדט אריין

צומארגינס האט זיך שמעון אויפגעחאפט פון זיין שלאף און ער האט באמערקט אז ער ליגט אויף א פוהר, צווישען פרעמדע אפגעריסענע קינדער. ער האט זיך אויפגעזעצט און געפרעגט וואו איז ערגיץ זיין פאטער און מוטער. שלום האט איהם געפרובט איינרעדען אז ער איז זיין פאטער נאר דאס אלעס האט גארנישט געהאלפען און דער קליינער האט געהאלטען אין איין שרייען צו די עלטערין, אז ער איז מיעד געווארען פון וויינען איז ער צוריק איינגעשלאפען. דער צווייטער שלאף האט פון איהם אוועקגערויבט די ערשטע זכרון און ער האט שוין כמעט פערגעסען זיין אפשטאמונג. שלום האט איהם די ערשטע צייט גאנץ ארענטליך בעהאנדעלט, איהם געגעבען ווייס ברויט מיט פוטער צו עססין, חאטש ער מיט זיינע קינדער האבען שווארץ טריקען ברויט געגעסען, און ער האט איהם געלאזט טראגען זיינע רייכע מלבושים. אז עס איז דורכגעלאפען עטליכע וואכען האט ער איהם אויסגעטהוען זיינע רייכע מלבושים, איהם אנגעטהוען אין אפגעריסענע צוגלייך מיט זיינע קינדער, און איהם געשיקט פון איין שטוב אין דער צווייטער קלויבען נדבות. ער האט פון איהם געהאט א גרויס איינקינפט ווארום זיין פנים האט עדות געזאגט אז ער איז פון רייכע עלטערין און ער האט ביי יעדען אין הארצען רחמנות אויף זיך דערוועקט. שלום איז פון יענער שטארט אוועקגעפאהרען און געקומען אין א גרעסערע שטאדט, מיטנעמענדיג שמעונ'ען אלס בעהטלער אין די הייזער.

אײנמאל, דאס איז געװעזען װינטער אין א גרױסען פראסט, װען זײנע צוריסענע מלבושים האבען איהם קײן קעלט נישט געזשאליעװעט, האט זיך שמעון מײשב געװעזען אז אנשטאט צוגעהן גדבות בעהטלען און געפרוירען צו װערען איז גלײכער צוגעהן אין בית המדרש ארײן לערנען, װעט ער אויך בעקומען זײן עססין און דערצו, ער װעט מעהר נישט פריהרען, און ער האט אזוי געטהוען. שלום האט איהם אומעטום געזוכט, זעהנדיג אז ער געפונט זיך אין ערגיץ נישט, האט ער גערעכינט מסתמא איז ער צוגעשטאנען צו אנ׳אנדערען בעהטלער, און ער איז פון דארטען באלד אפגעפאהרען און זיך מעהר נישט געװיזען פאר שמעונ׳ס עלטערען.

שמעון האט זעהר גוט געטראפען מיט זײן אײנפאל. אין דעם בית המדרש האט מען איהם ליעב געקרוגען און איהם אפגעשיקט אין א ישיבה. און דער ישיבה האט ער ארױסגעװיזען זײן בקיאות אין פוסקים און דערפאר, האט איהם שוין גארנישט געפעהלט, אלע גבירים און שעהנסטע לײט פון שטאדט האבען געהאלטען פאר א זכייה, אז ער האט געװאלט צו זײ ארײנגעהן עססען. אין יענער ישיבה איז ער נישט מעהר װי א האלב יאהר געװעזען, דען מען האט איהם געמוזט אפשיקען אין א גרעסערע ישיבה, אבער אויך פון דער צװײטער האט מען איהם געמוזט אפשיקען אין א גרויסע ישיבה ארײן און מען האט איהם געשיקט אין אײנע פון די פוזנער ישיבות. דארטען האט ער צוגלײך מיט אלע לומדים עוסק געװעזען אין קבלה. זײן קאפ און פערשטאנד איז געװעזען אײנס אין דער װעלט.

ויהי היום, האט דער רב פון פוזנא, דער הײליגער צדיק ר׳ נפתלי זי״ע, געשיקט בריף צו אלע ראשי ישיבות אז דעם בעסטען און ארענטליכסטען בחור, װאס איז נאך קײן אכטצעהן יאהר נישט אלט, זאל מען צו איהם שיקען, דען ער װיל איהם פרובען און זעהן צי ער װעט איהם קענען נעמען פאר אנ׳אײדעם. אלע ראשי ישיבות האבען פון בעסטען און שענסטען פו איחם געשיקט. צװישען די געצעהלטע בחורים איז געװעזען שמעון אלס דער בעסטער. באלד װי דער רב האט שמעונ׳ן בעמערקט צװישען די בחורים, האט ער אין איהם דערקענט, אז ער איז אנ׳עילוי און ער האט איהם, פערבעהטען צו זיך אין א בעזונדער צימער און דארטען איהם געפרובט אין לערנען. זײן בקיאות האט חן בײם רב געפונען, און ער האט בעשלאסען מיט איהם זיך צו משדך זײן. אלע בחורים זענען צוריק אין זײערע ישיבות געשיקט געװארען, נאר שמעון איז פערבליבען בײם רב אין הויז. דער רב האט איהם געפרעגט װער און פון װאנען זײנע עלטערען שטאמען, האט ער נישט געװאוסט װאס צו ענטפערין, דען ער האט דאך אין זײן שטאדט פערגעסען, ער האט נאר דערצעהלט די מעשה מיט שלום דער בעהטלער. דער רבי האט, דרײ טאג נאכאנאנד, געהאט א ישוב צי ער זאל איהם פאר אנ׳אײדעם נעמען, און אז בײ איהם איז געבליבען אז יא, האט ער איהם געפרעגט צי ער בעשטײט דערויף. ער האט געענטפערט אז יא, און עס איז געשריבען געװארען תנאים. דעם זמן החתונה האט מען אפגעלײגט אויף דעם טאג װאס ער װעט װערין בר מצוה.

עס איז אונטער געקומען די װאך פון דער חתונה, די פערבעהטענע געסט. מיט אלע ראשי ישיבות זענען אנגעקומען, און מען האט געמאכט גרױסע סעודות די עטליכע טעג װאס פאר דעם חתונה טאג, און בײ יעדער סעודה האט דער חתן געהאלטען זעהר שעהנע דרשות.

יענע וואך איז פונקט געוועזען א יריד אין פוזנא, און אז די יריד סוחרים זענען געוואויר געווארען וועגען די חתונה וואס דארף פארקומען ביים רב און די וועלטענע שעהנע דרשות וואס דער חתן זאגט. זענען זיי געגאנגען הערין די דרשות. צווישען זיי איז געוועזען איינער א זעהר [illegible] טויב פונ'ם חתן, דעם חתנ'ם פאטער'ס א ברודער (שמעונ'ם פעטער) [illegible]. זיא גוט איינגעקוקט אין דעם חתנ'ם פנים. עס האט איהם אנגעהויבען שווינדלען פאר די אויגען, דען ער האט אין איהם דערקענט זיין ברודער'ס זוהן, און איבערראשטער פון דעם פלוצלינגען בעגעגעניש האט ער קוים מיט זיינע פיס זיך דערשלעפט, צו דעם ארט וואו ער האט געהאלטען סטאנציע. ער האט זיך אנידערגעלייגט. אויף זיין געלעגער און האט נישט געקאנט איינשלאפען. דאס האט איהם שטארק געערגערט און ער איז געבליבען ליגען א פערחלשטער. מען האט איהם דערמונטערט. און איהם געבעהטען דערצעהלען וועלכעס האט אויף איהם אזוי שלעכט געווירקט, און ער האט דערצעהלט שמעונ'ס (דעם חתנ'ס) גאנצע ביאגראפיע און זיין צוקונפט און דער עיקר, אז דער רב האט איהם געשאלטען און איצטער נעמט ער איהם פאר אנ'איידעם. דער בעל אכסניא איז אויך געווארען איבערראשט פון דעם געשעהניש און ביידע האבען בעשלאסען דאס צו פערצעהלען דעם רב.

פאר דער חופה, כמעט, פאר מנחה א היבשע צייט, זענען זיי געגאנגען צום רב און איהם אלסדינג דערצעהלט, דער רב האט זיך דערמאנט אז ס'איז טאקי אמת וואס זיי זאגען, און ער האט זיי געהייסען ארויסגעהן פון יענעם צימער בתנאי, אז קיינער זאל זיך נישט דערוויסען, און זיי זענען ארויסגעגאנגען פערמאכענדיג די טהיר אונטער זיך.

דער רב איז איינער אליין געבליבען אין צימער און האט געדאווינט מנחה. נאך מנחה האט ער זיך אנידער געשטעלט וויינען און האט געבעהטען ביים רבונו של עולם רחמים, ווייל ער האט געזעהן אז ער איז זיין טאכטער'ס רעכטער זיווג.

נאכהער איז ער ארויסגעגאנגען פון יענעם צימער, האט צוגערופען זיינע בעדינער און זיי געבעהטען אז זיי זאלען איהם צוזאמענרופען אלע טרעגער'ס פון דער שטאדט, אזוי ווי זיי זענען געקליידעט אין זייערע מלבושים, דען ער וויל פאר זיי מאכען א ספעציעלע סעודה פאר די חופה. צייט צוויי שעה האבען זיך ביים רב אין שטוב פערזאמעלט בענוי. צוויי הונדערט טרעגער'ס און מען האט זיי געגעבען צוא עססין. נאכ'ן בענטשען האט דער רבי צו זיי געזאגט: איצטער וועט זיין די חופה, על כן פאדער איך פון אייך אקליינע טובה: אז איהר זאלט שטעהן ביי דער חופה און יעדען פרעמדען אפשטויסען מעג ער זיין פון די שעהנסטע פון די שטאדט, דען אונטער דער חופה וועט דער חתן שרייען אז ער וויל לייקענען אין יודישען גאט און וועט וועלין אוועקלויפען פון אונטער די חופה, וויל איך אז איהר זאלט איהם דערין שטערין, און איהם, מיט אלע אייערע קרעפטין, ארופלייגען צו מיר אין קעלער אריין און איהם היטען עטליכע שעה אז ער זאל פון קעלער נישט אנטלויפען, אום איך זאל איהם קענען ראטיוועז. די טרעגער'ס האבען געענטפערט אז זיי זענען גרייט צוטהוען אלסדינג וואס ער וועט פון זיי פערלאנגען, און מען האט אנגעהויבען פיהרען דעם חתן צו דער חופה. אז ער איז געשטאנען אונטער די חופה. האבען

איהם ארומגערינגעלט די מחנה טרעגער׳ס און קיין זייטיגע מענטשען האבען זיי נישט צוגעלאזט.

ווען עס האט געהאלטען דאביי, אז דער חתן זאל מקדש זיין די כלה, האט ער אויפ׳ן העכסטען קול אנגעהויבען שרייען אז ער וויל זיך שמד׳ן. ער האט זיך פון זיי געוואלט אברייסען און זיי האבען איהם נישט געלאזט. זיי האבען איהם אריינגעלייגט אין אונטערשטין קעלער און איהם געהיטען. דער רב איז ארייַן צו זיך אין צימער און מיט הייסע טרעהרען מתפלל געוועזען צום אויבער־שטין אז ער זאל מבטל מאכען די שלעכטע גזירה. אלע מינוט איז אנ׳אנדער ארויפגעקומען זאגען דעם רב אז זיינע קולות זענען אונגעהויער, און אז ער ברעכט די אייזערנע קראטען פון פענסטער. דעם רב איז זעהר שווער געווארען אויפ׳ן הארץ, ער האט זיי געהייסען, גוט היטען, און מיט אלע קרעפטען זיך גענומען בעהטען ביים רבונו של עולם.

פונקט האלבע נאכט, צוועלף דעם זייגער, איז מען ארויפגעקומען זאגען צום רב אז ער ליגט אין שלאף. דער רב איז אליין, מיט א ליכט אין זיין האנט, אראבגעגאנגען אין קעלער און האט איהם טאקי געטראפען שלאפען. ער האט איהם געהייסען ארויפטראגען צו זיך אין שטוב ארייַן. נאכהער האט ער די טרעגער׳ס געדאנקט פאר זייער עהרליך ארבייטען און זיי געהייסען אהיים געהן.

צומארגינס איז דער חתן אויפגעשטאנען א נייַ געבוירענער. ער האט זיך ארומגעוואשען און געהייסען צוזאמענ־רופען די געסט צו דער חופה.

בייַנאכט האט מען געמאכט די חופה און די גאנצע שטאדט, פון קליין ביז גרויס, זענען געוועזען פערנומען אין די גרויסע שמחה, וואס צייט די וועלט שטעהט האבען זיי פון אזעלכע גרויסע נסים נישט געהערט. דער חתן האט אין נחת, עשירות מיט פיל תורה אויסגעלעבט זיינע גליקליכע יאהרען.

---

## דער צדיק ר׳ אברהם ז״ע

## יח.

### די שרעקליכע גזירה.

דער קייזער „ציםהאן” מיט זיין פרוי זענען געוועזען זעהר גוט בעקאנט אין דער גאנצער וועלט מיט זייערע גוטע הערצער, און די יודען פון פארגרוישע האבען זיך געשעצט גליקליך אונטער זייער שוץ.

איינמאהל איז די קייזערין קראנק געווארען, אויף אנ׳ערנסטען אופן, און די דאקטוירים האבען זיך מייאש געוועזען פון איהר לעבען. די יודען האבען פאר איהר געזונד פיל זיך אוועקגעבעטען נאר ס׳האט נארנישט געהאלפען און זי איז אין עטליכע טעג ארום געשטארבען.

דער טרויער פון קייזער מיט זיין פאלק האט מען געקאנט אנזעהן אומעטום.

דען א צייט דערנאך, האט מען נאך וועגען איהר אין דער גאנצער שטאדט פיעל געהערט.

אין איינעם פון די קייזערליכע געזעצין (§§ 02723-25) שטעהט אז דער קייזער טאר נישט לענגער זיצען אהן א פרוי ווי דריי מאנאטין, און דאריבער האט מען גאנץ בעצייטענס אנגעהויבען זוכען א פרוי, א פירשטין, פאר דעם קייזער, חאטש איהם איז שווער געוועזען פון זיך צו אפטרייבען, דעם איינדרוק פון זיין ערשטע פרוי. מען האט צושיקט זיין פאטאגראף צו עטליכע פירשטינס (אזא מנהג איז דאמאלס געוועזען, פריהער צוזעהן צי מען געפעלט זיך) און אנדערע גרויסע לייט.

ויהי היום, איז צום קייזער אנגעקומען א פאטאגראף פון א פירשטין, וואס איבעראל איז זי בעוואוסט געוועזן מיט איהר חכמה און געלערנהייט און דערצו, מיט איהר שטארק פערביסענע שנאה צו יודען. דעם קייזער איז זי שטארק געפעלען געווארען, און ער האט איהר געשריבען א בריף אז ער פערלאנגט אנטווארט, ווען זי וויל בעשטימען דעם הייראטס-טאג (חתונה) און צי וועט זי צו איהם אין שטאדט קומען אדער ער וועט דארפען צו איהר אין שטאדט צו קומען.

אין עטליכע טעג ארום האט זי איהם געשיקט אנטווארט, אז זי קען בעשטימען דעם הייראטס טאג נאר דאן, ווען ער וועט איהר צוזאגען ארויסצוטרייבען אלע יודען פון זיין לאנד, דען זי קען אין זייערע אויגען נישט קוקען. און אויב ער וועט איהר פערלאנג בעשטימען, וועט זי ווערין זיין פרוי און זי וועט צו איהם קומען צופאהרען, חאטש איבעראל פיהרט זיך אז דער חתן מוז קומען צו דער כלה.

דעם קייזער איז זעהר שלעכט געווארען נאכדעם ווי ער האט איבערגעלייענט דעם בריף און ער האט געשיקט רופען זיינע יועצים אז זיי זאלען איהם אן עצה געבען וואס צוטוהען. נאך לאנגע קלערונגען איז ביי זיי בעשלאסען געווארען אז דער קייזער זאל איהר פערלאנג נאכגעבען. באלד האט מען אומעטום צושיקט צורקוליארען אז אין א יאהר ארום זאלען די יודען זיין לאנד פערלאזען און צו די יודען, פון זיין רעזידענץ שטאדט האט מען בעפוילען, אז אין דריי חדשים ארום, זאלען זיי די שטאדט פערלאזען, כדי דער קייזער זאל וואס שנעלער חתונה האבען.

מען האט די פרינצען געענטפערט אז איהר פערלאנג איז ערפילט געווארען, און זי קען גאנץ דרייסט קומען. ערהאלטענדיג דעם קייזערליכען אנטווארט, איז זי ביי זיך זעהר שטאלץ געווארען דערפון, וואס ער האט איהר זעהר ליב, אז ער האט נישט געקוקט אויף אזא געפעהרליכען שריט ווי זיין ליב פאלק ארויס צוטרייבען צוליעב איהר, און האט איהם א צווייטמאל געשריבען אז זי גרייט זיך אין וועג אריין.

מען האט זיך גענומען שטרענגער ווי צו אלע, יאגען די יודען פון זיין רעזידענץ (הויפט) שטאדט. די יודען זענען נעבאך געווארען אומגליקליך פון דער ביטערע גזירה, דען עס איז זיי געשטאנען צופערלירען זייער גאנץ פערמעגען. זיי האבען גוזר תענית געוועזען און אלע, פון קליין ביז גרויס, זענען געוועזען

בעדעקט מיט א טיפען טרויער. דער אויבישטער האט זייער געבעהט פערנומען און זיי א הילף געשיקט, אזוי ווי וויטער שטעהט געשריבען

הי היום, איז דער צדיק ר' אברהם פון פאדגורושע געוואויר געווארען פון דער ביטערער גזירה. און ער האט בעשלאסען די יודען דערפון מציל צו זיין. ער איז, אויסער זיין צדקות, אויך געוועזען א גרויסער מלומד אין אנדערע חכמות, און ער האט געקאנט פיל פרעמדע שפראכען גאנץ געלויפיג. וויסענדיג אדער אז ער ברויך פיל געלד דערצו צוהאבען, האט ער געבעהטען דעם שטארם רב אז, ער זאל איהם צווישען די גבירים שאפען די נויטיגע סוממע. און עטליכע טעג ארום האט ער דאס געלד געהאט ביי זיך אין שטוב. ער האט זיך געמאכט מלבושים ווי א פאפ און דעם קאטשער, וואס האט בעדארפט פיהרען זיין קאטש, האט ער געמאכט דיזעלבע מלבושים וואס דעם פאפ׳ס קוטשער טראגט. ער איז אוועקגעפאהרען, צוגלייך מיט אנדערע גלחים אויף דער קייזערליכער האלצייט.

קומענדיג אויפ׳ן ארט, האט ער אנגערופען א נאמען פון זעהר א וויטע שטארט און האט געזאגט, אז ער איז דער דארטיגער פאפ, און איז געקומען בענטשען דעם קייזער און די קייזערין צו זייער האלצייט. אלע האבען דעם „געמאכטען פאפ" פיל כבוד אנגעטהוען, און ווען עס איז געקומען דער חופה טאג איז ער בעשטימט געווארען, ביי דער וויעטשערע, צו בענטשען זייער קייזערליכען מאיסטעט

מען האט צו איהם געשיקט א קאטש מיט פערד אז ער זאל קומען אויף דעם ארט פון זייער האלצייט. ער האט די קאטש נישט געוואלט אננעמען און האט געענטפערט אז אין א האלבע שעה ארום וועט ער קומען צופאהרען אין זיין אייגענער קאטש. ער האט זיך פערמאכט אין א בעזונדער צימער, און זיין קאטשער האט איהם דערלאנגט זיין טלית און תפילין. אז ער איז פערטיג געווארען מיט תפילה צום אויבערשטין, איז ער אין קאטש איינגעזעסען און געפאהרען אויף דער האכצייט.

ער איז אנגעקומען פונקט און מיטען עסטין. אלע האבען זיך פאר איהם אויפגעשטעלט און ער האט אנגעהויבען האלטען זיין פייערדיגע רעדע. אלע זענען געבליבען ערשטוינט פון זיינע וואונדערליכע רייד, דען ער האט זיין רעדע געהאלטען אין פערשידענע שפראכען. אז ער האט זיין רעדע געענדיגט האט דער קייזער אליין איהם דערלאנגט א כוס ווין צו טרינקען. ער האט געענטפערט או ער וועט נישט פריהער טרונקען דעם ווין ביז וואנען ער וועט די קייזערין שענקען א זעלטענע מתנה. דער קייזער האט איינגעוויליגט צו זיינע רייד. ער האט ארויסגענומען, פון ייין מאנטיל, א זעקעלע און האט געבעהטען די קייזערין זי זאל דערין איהר האנד אריינשטעקין, און זיך ארויסנעמען די זעלטענע מתנה. זי האט אזוי געטהוען, נאר ווען זי האט איהר האנד פון דארטען ארויסגענומען האט זי געמאכט א גרוים געוואלד, דען איהר האנט איז געוועזען בעדעקט מיט פיל שלאנגען. אלע געסט זענען דערציטערט געווארען און ער, דער געמאכטער פאפ, האט אויפסניי אנגעהויבען רעדען.

וויסען זאלט איהר—האט ער צו די אלע גרויסע לייט געזאגט—אז איך אליין בין א יוד, און בין געקומען העלפען מיינע ברודער פון דער ביטערער גזירה

וואס די קייזערין האט אויף זיי גוזר געוועזען. אצונד—האט ער צו די קייזערין געזאגט וויבאלד דו ווערסט מיט דיין האנט אונטערשרייבען מבטל צו מאכען די גזירה אויף יודען און צוריק אריינעמען אין לאנד די ארויסגעטריבענע, וועל איך מאכען אז דיין האנט זאל באלד אויסגעהיילט ווערען, און, וויבאלד נישט, ביזטו און די אלע וואס זענען דא מיט דיר אין דעם זאל,—פערפאלען אויף אייביג. ער האט קוים געענדיגט זיינע לעצטע ווערטער, און דאס פאפיר איז שוין געליגען אונטערגעשריבען פון איהר, דעם קייזער אין די אלע ארומיגע הויכגעשטעלטע געסט. זעהנדיג אז עס איז איהם זיין ארבייט געלונגען, האט ער איהר געהייסען די האנט, נאכאמאל אין זעקיל אריינשטעקין. איהר האנט איז פערהיילט געווארען מאמענטאל און זי האט פונ'ם זעקיל ארויסגענומען א זעלטען שעהנע מתנה.

נישט ווערלענדיג אז מען זאל איהם דארטין. מיט עפים מכבד זיין, האט ער זיך מיט זיי געזעגינט און איז אהיים געפאהו־ען, אנזאגען דעם רב מיט די שטאדטלייט די גוטע בשורה.

אויפ'ן וועג האט זיך זיין קאטש איבערגעדרעה'ט, און ער איז ארויסגעפאלען אויף ליגענדיגע דערנער, און האט זיך געראונירט איין אויג פון וואס ער האט דערויף מעהר נישט געקאנט זעהען.

ער איז דירעשט וועג, מיט יסורים צופים דערגאנגען. דער רב און די שטאדט'ס לייט האבען פריהער, איידער ער איז צו זיי געקומען, געוואוסט פון דער ישועה, דען דער קייזערליכער בעפעהל איז מיט דעפעשען אין די שטעדט צושיקט געווארען,

זעהנדיג זיינע יסורים אויפ'ן אויג, האט מען איהם גענומען אין שפיטאל אריין. עס האט אדער גארנישט געהאלפען, און אין דריי טעג ארום איז ער אין שפיטאל געשטארבען.

אלע גרעסטע און חשובסטע פון שטאדט זענען ביי זיין לויה געוועזען, און הספדים האט מען נאך איהם כסדר געמאכט.

יענע שטאדט האט דאס ערשטע מאהל געהאט די זכייה צוזעהן א לויה. וואס די גאנצע שטאדט זאל דערביי זיין, און אלע קראמען זאלען זיין געשלאסען.

מען האט איהם אפגעגעבען א בעזונדערע קרקע.

ער איז פערשריבען געווארען, און די חברה קדיש'אס בוך, מיט גרויסע גאלדענע אותיות, צו אנדענקען פאר קינד'ס קינדער תנצב"ה.